STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13620

SEYFER TEVYE

A. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. גאָלאָמב

ספר טביה



שלום עליכם דערפרייט זיך מיט זיינע העלדן

שלום עליכם אייך, יידישע קינדער!

שלום עליכם הייסט לאַכן:
„לאַכן איז געזונט" איין אויג
וויינט און דאָס צווייטע לאַכט.

מיטן לאַכן זיינען יידן גובר די צרות.

ארויסגעגעבן פון:
אברהם און גיטל
קרעמערמאַן

א. גאַלאַמב

ספר טביה

פּרושים און באַליַיכטונגען
צו הילף

דעם תּלמיד און
לערער

תשי״ט 1959

צום ערשטן יאָרהונדערט פון שלום עליכמס
געבוירניאָר.

A. GOLOMB

"TEVIE EL LECHERO"

DE

SHOLOM ALEIJEM

MEXICO, D. F.

1961

צו די לערערס

דערציאונג איז ביי יידן פון אייביק אָן געווען פאַרבונדן מיט לערנען ספרים, די שריפטן פון פאָלק. זיי זיינען דער אוצר פון פאָלק, איבער אַלץ און פאַר אַלע איז געווען דער ספר. דאָס גאַנצע יידישע לעבן איז געווען פאַרבונדן מיט דעם ספר, און דער ספר איז געווען דער הויפּט־אינהאַלט פון לעבן און פון דערציאונג איבערהויפּט.

זיינען אָבער איצט פאַראַן ביי יידן פאַרשיידענע שיטות אין דערציאונג, איבערגענומען פון דער פרעמד:

1.—מען באַדאַרף ניט די ספרים פון פאָלק און ניט זיין שפּראַך. גענוג צו דערציילן די תלמידים אין וואָסער שפּראַך עס זאָל נישט זיין וועגן יידן, וועגן זייער געשיכטע, און גענוג.

2.—מען דאַרף ניט קיין ספרים, גענוג צו לערנען די שפּראַך (אָדער שפּראַכן) פון פאָלק און דאָס איז גענוג.

3.—מען דאַרף יאָ לערנען ספרים אָבער נאָר די וואָס זיינען שוין פאַר־הייליקט ביים פאָלק, קאַנאָניזירט דורך דער רעליגיע.

4.—אויך פון אָט די פאַרהייליקטע ספרים דאַרף מען לערנען נאָר די וואָס זיינען פאַרהייליקט אויך ביי אַנדערע פעלקער, אָבער נישט די וואָס אַנדערע פעלקער האָבן נישט ליב (תנך אָבער ניט גמרא).

קיין איינע פון די שיטות איז נישט גערעכט און קיין איינע פון זיי שטימט ניט מיט דעם גייסט און אידעאָלאָגיע פון אונדזער טראַדיציע.

מיר גלייבן באמונה שלמה, אַז:

1.—כל זמן אַ פאָלק לעבט טאָר זיך פון אים ניט אָפּטאָן זיין שע־פערישקייט און די שאַפונגען וואָס ווערן געשאַפן אין יעדער נייעם דור זיינען אויך קודש, אויב אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ דער גייסט און דאָס לעבן פון פאָלק. דען קדושה ביי יידן איז נישט מן השמים, נאָר טאַקע פון פאָלק, און דערפאַר זיינען ספרים געשאַפענע אין די לעצטע תקופות אין גייסט פון פאָלק און אין זיין לשון ניט ווייניקער הייליק ווי די פאַרהייליקטע פון פריער, פון קדמונים.

2.—קיין שרייבער שאַפט ניט קיין יש מאין. עס איז אין דער שאַפונג פון שעפער פאַראַן נאָר דאָס וואָס עס איז פאַראַן אין פאָלק. מער נישט וואָס אי, לעבן פון פאָלק איז עס אומגעפורעמט, אין דער בחינה פון „מסתורין״, און דער שרייבער גיט עס אין זיינע ווערק געפורעמט. דער שרייבער פירט איבער דאָס וואָס איז אין פאָלק „תורה שבעל פה״ אין שבכתב, עס זאָל מעגלעך געלערנט צו ווערן, איבערגיין פון דור צו דור. אין לעבן פון פאָלק איז תמיד פאַראַן אַ קולטור און שטייגער וואָס איז אייגנטימלעך פאַר אים, און וואָס שיידט אים אָפּ פון אַנדערע פעלקער. און די שאַפונגען וואָס

פאַרוואַנדלען אַט דעם „ניסתר" דעם רוישטאָף אין געפורעמטע ווערק אין „נגלה" — זיי זיינען די קולטור שבכתב פון דער תקופה, פון דעם דור.

3.—די וואָס לייקענען די ווערטפולקייט, די טייערקייט פון אַט די בייערע שאַפונגען (זייער הייליקייט בקדושת העם), לייקענען דאָס לעבן פון פאָלק און זיי שטרעבן אים צו פאַרוואַנדלען אין אַ מין אַרכעאָלאָגיע און זיין קול־טור אין אַ מין באַלזאַמירט, טויטן גוף, וואָס האָט שוין מער נישט קיין לעבן אין זיך. אויב דאָס זיינען די פרומע, איז זייער רעליגיע אַ צדוקישע. זיי שניידן אָפּ די יידישקייט.

4.—פאַרקערט גלייבן מיר באמונה שלמה אַז יעדער תקופה האָט אירע ספרים, וואָס מאַכן פון פאָלקס „נסתר" אַ נייעם „נגלה" פאַר די ווייטער־דיקע דורות. און זיי דאַרפן פאַרנעמען אַ פריערדיקן אָרט אין סיסטעם פון דערציאונג, אין סיסטעם פון לערנען די שריפטן פון פאָלק. אויב אַ גמרא דערלויבט זיך צו זאָגן אַז די תורה שבכתב איז ווי וואַסער לגבי געווירצטן ווייַן לגבי די שפּעטערדיקע ספרי האומה; אויב דער זוהר דערלויבט זיך צו שרייבן אַז די תורה שבכתב איז לגבי די שפּעטערדיקע ספרי האומה ווי רייער ווייץ לגבי גוטן לעקעך, מעגן מיר היינט אויך זאָגן אין זעלביקן גייסט, אַז די היינטיקע ספרי האומה — די היינטיקע נאַציאָנאַלע שאַפונגען דאַרפן אַריינגעבראַכט ווערן אין סיסטעם פון דערציאונג און דאַרפן אפשר קומען פריער פאַר די עלטערע.

5.—מיר גלייבן אַז דער ספר „טביה דער מילכיקער" איז טאַקע איינער פון די ספרי האומה, וואָס זיינען נאַציאָנאַל הייליק (און אונדזער יידישער נאַ־ציאָנאַליזם איז די יידישע רעליגיע). און דערפאַר דאַרף איטלעכע נאַציאָ־נאַל־יידישע שול אַריינעמען אין איר סיסטעם דעם ספר. עס קען זיין אַ פראַגע ווען און ווי, אָבער עס טאָר נישט זיין קיין פראַגע אין תוך אַריין יאָ צי נישט.

6.—מיר גלייבן אַז די הויפּטאויפגאַבע איצט פון דער יידישער דער־ציאונג איז אויפצוועקן אין די תלמידים אַן אמתע אהבת ישראל. אַט די עמאָציאָנעלע אויפגאַבע איז פריער פאַר די ידיעות; פילן איז קודם לקע־נען, און, קיין שרייבער ביי יידן איז נישט מסוגל די מידה איינצופלאַנצן אַזוי ווי שלום עליכם אין זיינע לעבנסווערק, ווי דער ספר טביה איז. און דער־פאַר דאַרף דער ספר געלערנט ווערן לשם עמאָציאָנעלער השפעה פריער ווי לשם די ידיעות וואָס דער ספר קען געבן. מען דאַרף זיך באַמיען די קינדער זאָלן זיך אַריינלעבן אין ווערק און אין די איבערלעבונגען פון זיינע העלדן — די גאַנצע יידן מיט זייער גאַנצער יידישקייט. דער לערער וואָס דערגרייכט אַז זיינע תלמידים זאָלן ליב קריגן טביהן דערגרייכט שוין אויך דעם ציל איינצופלאַנצן אין זיינע תלמידים אַן אמתע אהבת יש־ראל. ביים היינטיקן טאָג ווען אַרום און אַרום ווערן מיר באַהערשט פון עגאָפּאַביע, איז איינפלאַנצן אהבת ישראל — ליבע צום פשוטן יידישן יידן די גרעסטע מצווה אין אונדזער נאַציאָנאַליזם און ער איז אויך דער מהות

פון אונדזער רעליגיע. פאַרלייענען, סיומים טיילווייזע אינסצעניזירונגען, אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע שריפטלעכע אַרבעטן זיינען אַ גוטער מיטל די קינדער זאָלן זיך אַריינלעבן. דיסקוסיעס אַרום פּראָבלעמען פון בוך זיינען זייער געוואונטשן.

מיר האַלטן דאָס ביכל דאָ פאַר אַ פירוש צום ספר טביה, אַזוי ווי אונדזערע פּאַרצייטיקע ספרים האָבן געהאַט פירושים אַזוי קען אויך אונדזער אַ היינטיקער ספר זיך נויטיקן אין אַ פירוש. און וואָס ווייטער אין צייט און אין שטח, אַלץ נויטיקער איז אַזאַ פירוש. הלוואי זאָל דער פירוש העלפן צו לערנען דעם ספר.

זיינען געווען פּראָבעס פון לערער איבערצומאַכן דאָס בוך טביה, צו־צופּאַסן עס פאַר די היגע קינדער, פאַר די קינדער אין אַמעריקע. באַקאַנט אפילו אַ פאַרלאַנג אַרויסצונעמען די דערציילונג חוה פון בוך, היות ווי אַ סך אַמעריקאַנער קינדער האָבן געמישטע חתונות צווישן קרובים און פריינד... מיר האַלטן דעם צוגאַנג פאַר אַ פאַלשן און שעדלעכן.

פאַראַן שולן וואָס פּסלען דעם ספר (ווי אויך אַנדערע ספרים) מחמת זיין יידיש לשון, און מען דאַרף לויט זיי לערנען נאָר העברעאישע כתבים און נאָר פון דעם לעבן אין ארץ ישראל. בישט דאָ איז דאָס אָרט אַריינצוגיין אין אַן אַלגעמיינער דיסקוסיע אויף דער אַלטער און אָנגעווייטאָקטער טעמע. עס ווילט זיך מיר יאָ זאָגן צו די פּסיידאָנאַציאָנאַלע פּעדאַגאָגן: צאו וראו — גייט און זעט ווי אַנדערש עס האָבן געדענקט די בויער און די שאַפער פון דער אייביקער יידישקייט: זיי האָבן נישט געספּקט אַריינצונעמען אין תנך די אַראַמישע עזרא און דניאל. געקריגט האָט מען זיך צוליב די ריין העברעאישע שיר השירים, אסתר, קוהלת, און דווקא נישט וועגן די אַראַמישע ספרי האומה. און אַלע געפּסלטע „כתובים אחרונים" — אַלע זיינען זיי ריין העברעאישע.

דאָס ביינעלייגטע הילפסבוך איז אַ פּראָדוקט פון אַ סך יאָרן און צענדליקער יאָרן לערנען דעם ספר טביה אין שולן מיט עלטערע און יינגערע תלמידים. אויך געשריבן איז עס געוואָרן מיט אַ פּאָר יאָר פריער. די תלמידים האָבן עס געהאַט אין פאָרעם פון מימיאָגראַפירטע העפטן. דער מחבר איז שטאַרק דאַנקבאַר די פריינד אברהם און גיטל קרעמערמאַן פאַר דער מעגלעכקייט דאָס בוך זאָל זיין געדרוקט און אילוסטרירט ווי געהעריק. די בילדער זיינען כמעט אַלע גענומען געוואָרן פון מלך גראַפשטיינס ענגלישער „שלום עליכם־פּאַנאָראַמע" וואָס איז מיר צוגעשיקט געוואָרן עטלעכע וואָכן פאַר דעם טויט פון אַרויסגעבער, דעם געטרייען תלמיד פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור.

דער מחבר וויל האָפן אַז צו זיין דאַנק דעם אַרויסגעבער פון דעם הילפסבוך וועלן זיך מצרף זיין נאָך שולן און לערער וואָס וועלן געפינען אַ נוץ אין דעם פירוש צום ספר טביה.

מעקסיקע יב' כסלו תשד"ב.

אַ. גאָלאָמב

אַריינפֿיר

דאָס בוך פֿון „טביה דער מילכיקער" איז אַ בוך פֿון יידישן פֿאָלק בכלל. עס קען אַ בוך אָפֿט דערציילן די געשיכטע פֿון איין מענטשן, פֿון איין גרופּע מענטשן, פֿון אַ באַשטימטן טיפּ מענטשן. דאָס בוך פֿון טביה גיט אונדז אַ בילד פֿון יידישן לעבן אין סוף פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט און אין אָנהייב פֿון היינטיקן י"ה אין רוסלאַנד. דאָ האָט זיך טאַקע קאָנצענטרירט דאָס וויכטיקסטע פֿון יידישן לעבן בכלל, דערפֿאַר איז דאָס בוך אַ שפּיגל פֿון יידישן פֿאָלק אין דער געגעבענער צייט. פֿאַראַן אין גמרא אַן אויסדרוק „מעשי אבות סימן לבנים" — די געשיכטעס וואָס דער חומש דערציילט וועגן אונדזערע אבות — אברהם, יצחק און יעקב — שפּיגלען אָפּ די געשיכטע פֿון יידיש פֿאָלק בכלל. דאָס זעלביקע קען מען זאָגן אויך וועגן אַנדערע, שפּעטערדיקע ביכער: זיי שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן ניט פֿון אַ פּערזאָן, ניט פֿון אַ גרופּע, נאָר פֿון דעם פֿאָלק אין זיין גאַנצקייט. אַזאַ בוך איז טאַקע אויך „טביה". עס איז די תקופה פֿון גרויסע ענדערונגען אין יידיש לעבן. פֿון דער ערשטער דערציילונג ביז דער לעצטער זעען מיר ווי דאָס יידישע לעבן בייט זיך אין גאַנצן. דאָס בוך הייבט זיך ווען דאָס יידישע לעבן איז נאָך טראַדיציאָנעל פֿעסט, יידן לעבן איבערהויפּט אין שטעטלעך, אין דערפֿער, דאָס לעבן איז איינגעשטעלט, בייט זיך נישט, עס גייען אַריבער דורות אָן ענדערונגען. די גרויסע שטאָט (אין בוך איז דאָס יעהופּעץ — אַן אויסגעטראַכטער נאָמען) איז אין תוך אַריין ווייט, ווייט מיט איר טומל און גערויש, פֿאָרן מיטן פֿערד און וואָגן אויף שלעכטע וועגן איז שווער, אַ קילאָמעטער איז אַ שטיק וועג. טביה פֿילט זיך ניט היימיש אין דער גרויסער שטאָט. ער געהערט נאָך אין גאַנצן צו דעם טיפּ פֿון די שטעטלשע יידן, צו דער תקופה ווען די שטעטלעך האָבן

געשפּילט די הויפּטראָל אין לעבן. אין די לעצטע דערציילונגען פון בוך איז שוין טביה נישט אין שטעטל, נישט אין זיין געבוירנדאָרף, ער וואנדערט, ער האָט זיך נאָך ניט איינגעלעבט אין די נייע פּאַר־מען פון יידיש לעבן. עס איז ווי מען זאָל אַן אַלטן בוים נעמען, אַרויס־גראָבן פון זיין ערד און אים וועלן איבערפלאַנצן אין אַן אַנדער אָרט. דאָס איז געשען מיט טביהן, דאָס איז געשען מיט צוויי אַנדערע שלום עליכמס העלדן — מאָטל פּייסי דעם חזנס און מנחם מענדל. דאָס איז געשען מיט זייער קינסטלער — שלום עליכם אַליין, דאָס איז אויך דער גורל פון גאַנץ יידיש פאָלק אין דער תקופה.

די יידישע געשיכטע הייבט זיך מיט דעם „לך לך״ — לאָז זיך וואנדערן) פון דעם ערשטן יידן, פון אברהמען, און מיט אַן אַנדער „לך לך״ ענדיקט זיך די געשיכטע פון טביה דעם מילכיקער. עס ענדיקט זיך די תקופה פון שטעטל.

ביי די שפּעטערדיקע יידישע שרייבער איז שווער צו געפינען אַזאַ בוך וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פון יידיש פאָלק בכלל אַזוי ווי דאָס איז אין דעם בוך טביה. דאָס איז דערפאַר, וואָס דאָס יידישע לעבן האָט זיך דיפירענצירט, געוואָרן פאַרשיידן, נישטאָ מער אַזוינע גאַנצע יידן ווי דער טיפּ טביה.

ניט נאָר די געשעענישן וואָס זיינען געשען מיט טביהן זיינען סימבאָליש פאַר אַלע יידן אין זיין צייט און אין זיין אָרט, נאָר אויך טביהס פירונג, זיין כאַראַקטער, זיין שטייגער לעבן, זיינע עסנס, זיינע געדאַנקען אוןריידערייען, זיין געמיט, זיינע געפילן, די פּראָ־בלעמען און קשיות וואָס טביה פרעגט ביי גאָט — אַלץ, אַלץ וואָס שלום עליכם האָט געזען ביי יידן, האָט ער אַריינגעטאָן אין זיין אויסגעטראַכטן העלד טביה, און ער האָט אים אַזוי ליב געהאַט טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט אים געמאַכט פאַר אַ סימבאָל פון יידישן פאָלק, פון אַ יידישן מענטשן בכלל. טביה און די אַנדערע טיפּן וואָס שלום עליכם האָט אונדז געלאָזן — זיי זיינען אַ ריכטי־קער שפּיגל פון גאַנצן יידישן פאָלק, פון זיין אויסזען, פון דעם יידישן פאָלקס לעבן און פון דער יידישער נשמה. ווי אַ סקולפּטאָר האַקט אויס פון שטיין די טיפּן וואָס ער האָט ליב, אַזוי האָט שלום עליכם אין יידישע ווערטער אויסגעקריצט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. אָבער נאָך מער: אַ סקולפּטאָר קען אויסהאַמערן נאָר דעם אויסזען, שלום עליכם האָט אונדז אָבער געגעבן אויך דעם אינעווייניקסטן

אויסזען — דאָס בילד פון דער יידישער נשמה. די גאַנצע ליבע צום יידישן פאָלק, צום יידישן מענטש האָט שלום עליכם אַריינגעלאָסן אין די באַשרייבונגען פון זיינע באַליבטע העלדן. און טביה איז איי־נער פון זיי. די לייענער און די לערנער וואָס קריגן ליב טביהן, קריגן שוין אויך אַ ליבע צום גאַנצן יידישן פאָלק.

טביה איז אַ טיפּ פון אַ יידן בכלל, ער איז ווי די מערהייט יידן זיינען געווען, ער איז אַ ייד „פון יידנלאַנד", אַ „ייד שבייד", זאָגט אויף זיך אַליין טביה, און ער איז גערעכט. עס איז אַ טיפּ פון יידישן פאָלק און זיינע איבערלעבונגען זיינען איבערלעבונגען פון יידישן פאָלק. דערפאַר איז טאַקע דאָס בוך אַ פאָלקסבוך, דערפאַר איז דאָס בוך אַ נאַציאָנאַל ווערק פון אונדזער פאָלק.

טביה שטייט ניט העכער פון אַ דורכשניט־ייד ווי אַ טייל פון פּרצעס באַליבטע טיפּן, ער איז נישט קיין אויסדערוויילטער ייד, קיין ספּעציפישער העלד. פּונקט פאַרקערט, איז ער גאָר אַ פּשוטער, געוויינט־לעכער אָרעמער ייד, וואָס „שטאַרבט דריי מאָל אַ טאָג פון הונגער אַחוץ וועטשערע". ער האָט אַלע מעלות און חסרונות פון אַ פּשוטן פאָלקמענטש. ער רעדט ווי זיין פאָלק רעדט, די ווערטלעך און וויצן, די חכמות און פּסוקים מיט זייערע אויס־טייטשונגען — דאָס אַלץ איז געווען גאַנגבאַר אין פאָלק, אַ „וואָכעדיקער גאַנג" אַזאַ, וואָלט געזאָגט טביה אַליין. זיין גע־לאַסנקייט, זיין פאַרטראַכטן

אַרטיסט בערגער ווי טביה געשפּילט אין אַ לאַגער, דייטשלאַנד

זיך, זיין איבערקלערן וועגן אַלע פּראָבלעמען פון דער וועלט, וועגן „דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם", דאָס ליב האָבן צו ריידן מיט אַ מענט־שן, דאָס פילן זיך צופרידן, „מיט אַ מענטשן צוגלייך" ווען ער האָט צייט אַריינצוקוקן אין אַ ספר — דאָס אַלץ איז כאַראַקטעריסטיש

בכלל פאַר אַ יידן פון שטעטל. מען לויפט נישט, און מען האָוועט נישט אַזוי, דאָס לעבן איז נישט דער הו־האַ, וואָס אין שטאָט. דער מענטש איז מער מיט זיך, מיט זיינע געדאַנקען, מיט זיינע מחשבות און איבערלעבונגען. זיין פאַרגעניגן גייט ער נישט קויפן פאַר געלט אין אַ טעאַטער, אין אַ קינאָ וכדומה. — ער זיצט ביי זיך אויף זיין פריזבע (אָנגעשאָטן ערד לעבן פונדאַמענט פון שטוב, עס זאָל נישט אַריינגיין קיין נעץ און קעלט) און באַטראַכט גאָטס וועלט, ער שמועסט זיך דורך מיט דעם ווינטל אין וואַלד, מיט די וואָלקנס, מיט זיין „חבר־פערדל", וואָס האָרעוועט און הונגערט מיט אים צוזאַמען. און פאַרוואָס טאַקע נישט זיך דורכשמועסן טאַקע מיט אים, מיט דעם „אכטי רבונו של עולם" אַליין?

בײַ טביהן איז שטאַרק דער אַלטער און אייביקער יידישער בּיטחון. עס איז שלעכט און עס ווערט כסדר ערגער, יעדער טאָג מיט זיינע צרות, — אָבער טביה פאַלט ניט אַראָפּ ביי זיך. טביה וויינט ניט פון צרות, ער איז „דאָך ניט קיין יידינע, ער זאָל וויינען". ער טענהט זיך אויס מיט זיך אַליין, מיט גאָט, און ער נעמט זיך ווידער צו זיין „פערד און וועגעלע", און ער ענדיקט זיין לעצטן מאָנאָלאָג בעטנדיק שלום עליכמען, ער זאָל „דאָרטן אָנזאָגן אונדזערע יידעלעך, אַז אונדזער אַלטער גאָט לעבט". דאָס איז ווידער ניט טביהס פערזענלעכע איינגע־שאַפט. דאָס איז דער אַלגע־מיינער יידישער שטאַרקער בי־טחון וואָס שרייט צו די יידן אין די ערגסטע סיטואַציעס פון

טביה, געמאָלט פון טאָלקאַטשעוו

די געטאָס און לאַגערן „גוואַלד, יידן זייט זיך ניט מייאש!״ פאַר־לירט ניט דעם גלויבן און דעם מוט. דאָס איז דער אַלגעמיינער יידישער גלויבן, וואָס האָט געגעבן כוח דעם גאַנצן פאָלק איבער־צוטראָגן אַלע צרות און רדיפות. אין דער זעלביקער צייט האָט טביה ליב צו פרעגן ביי גאָט אַלע זיינע קשיות: פאַרוואָס אַזוי? און פאַרוואָס ניט אַזוי? דאָס איז אויך ניט טביהס פּערזענלעכע אייגנ־שאַפט. דאָס איז די אַלטע, נאָך פאַרצייטיקע אייגנשאַפט פון די נביאים, וואָס פרעגן ביי גאָט קשיות, אויך די חכמי התלמוד און די שפּעטערדיקע יידן האָבן ליב געהאַט צו פירן דיסקוסיעס מיט דעם רבונו של עולם.

טביה פאַרמאָגט די פּקחות און די חכמה פון אַלע טראַדי־ציאָנעלע מענטשן, וואָס זיינען טיף איינגעוואָרצלט אין דעם שטייגער און אין דעם לשון פון זייער פאָלק, פון די לאַנגע דו־רות זיינע. דאָס אַלץ איז דער אוצר פון פאָלק אַקומולירט, אָנ־געזאַמלט אין דעם לשון פון פאָלק. אַלץ, אַלע זיינע שטריכן און אייגנשאַפטן, אַלע זיינע „תורות״ אַלע האָט טביה ניט אויסגעלערנט, ער האָט עס גע־ירשנט פון זיין פאָלק צוזאַמען מיט זיין שפּראַך. און טאַקע וויל אין קליין שטעטל, אָדער אין דאָרף, ווו דאָס לעבן איז גע־ווען מאָנאָטאָן, און קיין זאַך


די יוזפל דער רב אין שלום עליכם שטעטל

האָט ניט געשטערט, האָט אַ מענטש געקאָנט אַזוי אַריינזאַפּן אין זיך אָן לערנען און אָן שולן אַלע אייגנשאַפטן און זיטן, שטריכן און מנהגים פון זיין פאָלק. אין טביהן שפּיגלען זיך אָפּ דורות יידן, טביה איז אַ טיפּ וואָס זיין יידישקייט איז ניט אויסגעלערנט, נאָר זי איז אָרגאַניש ווי זיין כאַראַקטער און געמיט, ווי די אָרגאַנען

פון זיין קערפּער, ווי די שטריכן פון זיי פּנים. זיינע חכמות און זיינע ווערטלעך, זיינע רייד און זיינע פירונגען זיינען עלטער פון אים, זיי שטאַמען פון דורות יידן. טביה איז אַן **אָרגאַנישער ייד**.

טביה און די אַנדערע טיפּן אין דעם ספר טביה — דאָס איז דאָס יידישע פאָלק. דערפאַר איז דאָס ווערק „טביה" — אַ ווערק, אַ ספר פון יידישן פאָלק.

טביהס שבת און יום טוב.

„אַ גאַנצע וואָך האָרעוועט מען דאָך"... טביה און זיין גאַנצע משפחה — אַלע האָרעווען, מען „ווערט פאַרשוואַרצט, שונאי ישראל", אָבער אַז עס קומט דער ליבער שבת קודש, צי אַ יום טוב, — ווער איז צו אים גלייך. יעדער ייד אין שטעטל איז שבת געווען אַ „מלך", דאָס פערדל רוט זיך, אפילו „דאָס בייטש איז אויסגערוט". מען טאָר גאָר זיך ניט אַנרירן אָן די וואָכעדיקע זאַכן — עס איז „מוקצה". אַ גאַנצע וואָך עסט מען וואָס עס מאַכט זיך, „די בויך האָט נישט קיין פענצטער": קיינער זעט ניט וואָס מען האָט געגעסן, און אַז „די בויך וואָלט געלעגן אין דר'ערד, וואָלט דער קאָפּ געגאַנגען אין גאָלד"... אָבער שבת, יום טוב איז עפּעס גאָר אַנדערש: „גאָט אַליין האָט געהייסן הנאה האָבן פון עסן" — „בשר ודגים וכל מטעמים" און דאָס עסן האָט גאָר אַן אַנדער טעם. אַז דער ייד אַליין האָט דאָך שבת נאָך אַ נשמה, אַ שבת יום טובדיקע נשמה. אָבער דאָס הויפּטפאַרגעניגן פון שבת באַשטייט פאַר אַזאַ יידן ווי טביה ניט אין עסן, נאָר אין דעם „עונג שבת" — טביהס פאַרגעניגנס — ניט טעאַטער, ניט קינאָ, ניט ראַדיאָ, בכלל קיינע געקויפטע פאַרוויי־לונגען. טביהס פאַרגעניגן איז נעמען אַ ספר, מעיין זיין אין אַ ספר — אַריינטראַכטן זיך אין דעם. אַ פּרשה חומש מיט רש"י, אַ קאַפּיטל תהלים, אַ משנה, אַ מדרש — דאָס יענץ, לאָקש, בוידעם... קנאַפּ ספרים האָט אַ ייד? און מעיין זיין איז ניט סתם לייענען, עס מיינט מער אַריינטראַכטן זיך, נעמען איין געדאַנק, אַליין עפּעס צוגעבן, אויפבויען אַ צווייטן געדאַנק, זיך „מחיה זיין" מיט אַ „געשמאַק שטיקל מדרש"... ווער עס האָט הנאה פון טרינקען בראַנפן, אַ טביה שיכורט זיך אָן מיט אַ ספר... נישט אומזיסט האָט דער יידיש־דייטש־שישער פּאָעט היינריך היינע (מיט אַ הונדערט יאָר פאַר טביהן) אָנגעשריבן זיין באַרימטע פּאָעמע „פּרינצעסין שבת" (יידישע אי־בערדיכטונג פון ח. נ. ביאַליק).

טביהס אידעאַלן. טביה איז ניט קיין קינד, אָבער אַ גאַנץ לעבן חלומט ער חלומות, גייט אַרום פול מיט אידעאַלן. עס איז ביטער דאָס לעבן, — טראַכט מען מער וועגן דעם „וואָס עס וועט, אם ירצה השם, זיין אַז משיח וועט קומען"... אָט אַז גאָט וועט געבן, ער וועט קענען, וועט ער קודם כל פאַרריכטן דעם דאַך פון בית מדרש עס זאָל ניט אַריינרעגענען. ער וועט באַזאָרגן אַז אָרעמע קראַנקע זאָלן האָבן אַ דאָקטאָר, אַ רפואה, אַ גוטע אויפזיכט... טביה איז ניט קיין עגאָיסט, נאָר פאַר זיך. פע! דאָס איז דאָך ווי אַ חזיר, נישט פאַר קיין מענטשן געדאַכט. וועגן אַזוינע מענטשן האָט טביה אויסגעטראַכט כלומרשט אַ גמרא „מזנבתא דחזיראתא לא מאַכאַנטאַ שטריימילאַתאַ" (פון אַ חזירשן עק קען מען קיין שטריימל ניט מאַכן). טביה האָט הנאה פון חלומען וועגן קענען העלפן אַנדערע. דאָס איז איינע פון די יידישע טראַדיציאָנעלע מידות, וואָס צייכנען אוים דאָס יידישע פאָלק פון פאַרצייטן אָן. די גמרא זאָגט נאָך: יידן זיינען רחמנים, ביישנים און גומלי חסדים; אָדער אין אַ צווייטן אָרט שטייט „המרחם על הבריות בידוע שהוא מזרעו של אברהם אָבינו" — אַז אַ מענטש האָט רחמנות אויף אַנדערע מענטשן איז עס אַ סימן אַז ער איז אַ ייד.

טביה מאַכט הבדלה פון „הבימה"
ארץ ישראל

און טאַקע: יידן זיינען אין גלות אַזוי לאַנג, קיין שטייערן האָבן זיי פון יידן נישט געקאָנט מאַנען, און דאָך האָבן יידן באַזאָרגט אַלע מאָל זייערע אָרעמע לייט, זייערע נויטבאַדערפטיקע בעסער ווי אַנדערע פעלקער מיט רעגירונגען. טביה איז אַ טראַדיציאָנעלער ייד און אַזאַ ייד האָט פאַרגעניגן ווען ער העלפט אַ צווייטן... אָט אַזוי חלומט טביה וועגן זיינע גליקן צו קענען העלפן אַנדערע, און אפשר גאָר... גיט ער אַ קלער, אפשר וואָלט שוין גאָר צייט געווען משיח זאָל קומען... דאָס איז דאָך דער אידעאַל, דער חלום פון אַלע טביהס, פון אַלע יידן... „איי, גאָטעניו, שוין טאַקע צייט שוין"...

טביה — אַ נאַטורמענטש. טביה איז ווי אַן אַלטער בוים אַריינגעוואַקסן אין זיין וועלטל. קליין איז דאָס וועלטל, אָבער ער איז אין

דער גאַנצער נאַטור ביי זיך אין דער היים. ער און זיין פערדל, און דאָס גראָז, און דער וואַלד, און דאָס ווינטל, און די וואָלקנס אין דער הייך — אַלע זיינען איין משפחה, און דער הימל אויבן איז פול מיט סודות, וואָס טביה וויל פאַרשטיין, און די לבנה וואָס שווימט צווישן די וואָלקנס לערנט מיט טביהן אַ פסוק פון תהלים. און דער רבונו של עולם איז אויך דאָ פאַראַן און טביה שמועסט זיך דורך מיט אים ווי מיט אַ גוטן ברודער... די גאַנצע נאַטור אַרום איז פאַר טביהן אַ יידישע: די „שאָטנס פון די ביימער ציען זיך אויס לאַנג ווי דער יידישער גלות"... און אַ ווינטל בלאָזט צווישן די שפּיצן פון די ביימער — דאָס דאַוונט מסתמא דער וואַלד מעריב, אָדער אפשר זאָגן גאָר די ביי־מער אַ קאַפּיטל תהלים. וואָ־רום האָבן דאָך יידן אַ קימאַ לן, אַ גלויבן אַז אַלץ אין דער נאַ־טור זאָגט שירה צו גאָט... זיצט זיך אַזוי געלאַסן אַ ייד, טביה איינער אַליין „אינעווײ־ניק אין גאָטס דרויסן" דער חבר־פערדל שציפּעט אַ גרעזל און טביה דער געלאַסענער, אוים־גערוטער טביה זיצט און באַ־טראַכט אַזוי גאָטס וועלט, פרעגט קשיות, געפינט די פע־לערן וואָס גאָט האָט געמאַכט, זוכט ער אַ פסוק, און ער לערנט אָט דעם פסוק מיט דער גאַנצער נאַטור... וואָלט ער אַזוי געקאָנט זיצן אַ גאַנצע נאַכט און פילאָסאָפירן, רופט גאָר גאָלדע אין שטוב אַליין, וואָרום דער מיל־כיקער באָרשטש ווערט קאַלט...

מאָריס שוואַרץ אין ראָל פון טביה

טביה מיט די פסוקים. טביה איז נישט קיין למדן, ער איז ניט קיין גרויסער געלערנטער אין די „שוואַרצע פינטעלעך". אָבער אַזאַ „ייד שבייד" ווי עם איז טביה האָט גאָר ניט געדאַרפט לערנען אַ סך

ער זאָל תמיד האָבן גרייט „אין קעשענע" אַ פּסוק, אַ מאמר, אַ גמראָוואָרט, אַ ווערטל, — דאָס יענץ לאקש בוידעס ציבעלע, ער זאָל קענען עס אַריינזאָגן ווען מען דאַרף. פון וואַנען האָט ער זיי גענומען? — פון דאַוונען, פון תהלים זאָגן, פון הערן אַ מגיד, אַ דרשה, פון לערנען אין בית מדרש מיט דעם רב ביים טיש, פון אַ פּרק משניות, פון עין יעקב, צי גאָר געהערט פון אַנדערע יידן. און אַחוץ דעם אַלעם האָט שוין דאָס לשון פון יענע יידן אין משך פון דורות איינגעזאַפּט און אַנגעזאַמלט אין זיך אַ שלל מיט אַזוינע ווערטער, און יעדער ייד האָט זיי געהאַט, אפילו ווען ער האָט ניט געלערנט און אפילו ווען ער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם ריכטיקן טייטש פון די ווערטער. האָט דאָך טאַקע טביה ליב געהאַט צו נע־מען פּסוקים און זיי טייטשן ווי ער וויל, גאָר אַנדערש ווי דער אמתער טייטש איז. ער דרייט זיי איבער פּידרעך און טוט אים עפּעס. דאָ איז טביה אַליין צו־פרידן וואָס ער איז דער מייס־טער, ער שאַפט אַליין נייעסן אין דער שפּראַך. אַט אַזוי האָבן גערעדט פּשוטע פאָלקסיידן און יידינעס. איבערהויפּט ווען מען פלעגט וועלן עמיצן עפּעס אַריינזאָגן אין גוטן מוט און אפילו מיט כעס. טביה שלאָגט זיך מיט אַ פּסוק, ער דערלאַנגט מיט אַ פּסוק איבערן קאָפּ... ווער עס שלאָגט זיך מיט ביקסן, — אַ ייד שלאָגט זיך מיט פּסוקים...

אַרטיסט ש. מיכאעלעס אין ראָל פון טביה.

טביה און זיין יידיש־לשון. טביהס כאַראַקטער, זיין געמיט און זיין אויפפיר זיינען אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיט זיין שפּראַך, אַז עס איז בכלל שווער צו זאָגן וואָס פריער און וואָס איז שפּעטער, וואָס איז די סיבה און וואָס איז די תולדה: צי טביהס כאַראַקטער האָט אויסגעאַרבעט און געשאַפן זיין לשון אָדער פאַרקערט, דאָס לשון האָט געהאָלפן עס זאָל אויסוואַקסן אַ טביה. בכל אופן וואָלט

אָן דעם לשון טביה קיין טביה ניט געווען. און די שפּראַך האָט טביה גערשנט פון זיין פאָלק.

אַ פאָלק האָט זיין שפּראַך. אפילו ווען עטלעכע פעלקער ריידן איין שפּראַך, איז זי דאָך ביי איטלעכן פון זיי אַנדערש. אַ שפּראַך באַשטייט פון ווערטער, אָבער די ווערטער זיינען נאָך נישט קיין שפּראַך, פונקט ווי אַ קופּע ציגל זיינען נאָך לגמרי נישט קיין בנין. פון די זעלביקע ציגל בויט ערשט יעדער אַרכיטעקט לויט זיין גע־שמאַק, פון די זעלביקע ווערטער בויט איטלעך פאָלק זיין שפּראַך לויט זיין כאַראַקטער. די זאַצן, די פּאַרטיקע אויסדרוקן, די רעדנ־סאַרטן, די ווערטלעך, וויצן, חכמות און נאַרישקייטן, די קללות און ברכות, די לידלעך און משלים, אַלע געמיט־אויסדרוקן — זיי זיינען די בנינים פון דער שפּראַך. איטלעך פאָלק האָט זיך זיינע ניגונים, זיינע אַנדערע פאָרמען פון פאָלקסקונסט און איטלעך פאָלק האָט זיך זיינע שפּראַך־פאָרמען. אַ פאָלק וואָס האָט נישט קיין אייגענע שפּראַך־פאָרמען איז אַ ספק צי עס איז אַ פאָלק פאַר זיך. טביהס לשון האָט נישט טביה געשאַפן, אויך ניט זיין מייסטער — שלום עליכם האָט דאָס לשון אויסגעטראַכט. דאָס האָט דאָס יידישע פאָלק אין משך פון יאָרהונדערטער די שפּראַך אויסגעפורעמט, ביסלעכ־וויז אויסגעהאַמערט די אַלערליי אויסדרוקן און זיי איבערגעגעבן פון דור צו דור, די נייע דורות זאָלן ווייטער שאַפן און צובויען. די שפּראַך קען מען זיך נישט אויסלערנען אין שולן, מען דאַרף זיך איינלעבן מיט איר, אַריינזאַפן זי פון לעבנדיקן פאָלק אָדער פון זיין ליטעראַטור. טביה איז אַ לעבעדיקער אוצר פון אַלע שטריכן פון ייד׳ פאָלק, און זיין לשון איז אַן אוצר פון יידיש לשון. עס איז דער אויפטו פון דעם קינסטלער שלום עליכם צו קענען פאַרקערפּערן אין שריפט אַזוי פיל יידישן כאַראַקטער אין איין פּערזאָן, און אַזוי פיל יידיש לשון אין אים אַריינבויען. טביה האָט די שפּראַך זיינע נישט געקאָנט שאַפן, — ער האָט זי גערשנט פון זיין פאָלק און מיט איר צוזאַמען האָט ער גערשנט די גאַנצע חכמה זיינע, זיין גוטמוטיקייט, זיין וויציקייט און זיין גאַנצע יידישקייט. דאָס גע־פינט ער אין דער שפּראַך די אויסדרוקן פון גלויבן, פון ביטחון, פון הומאָר און זיין גאַנצן געמיט. דאָס איז דער אונטערשייד צווישן די מענטשן וואָס ריידן זייער שפּראַך אָרגאַניש, איינגעזאַפּט פון די דורות פון זייער אייגן פאָלק אָדער זיי ריידן אַ שפּראַך וואָס מען

האָט אויסגעלערנט פון באַזונדערע ווערטער. די ערשטע — די אָר־גאַנישע שפּראַך איז געגליכן צו דער אייגענער אָרגאַנישער הויט פון אַ מענטשן וואָס וואַקסט מיט אים צוזאַמען. די צווייטע שפּראַך, וואָס מען לערנט אויס אַליין אָדער פון די עלטערן פון באַזונדערע ווערטער איז געגליכן צו אַ געקויפטן בגד. טביה האָט הנאה פון זיין לשון, עס העלפט אים אין לעבן, עס גיט אים עצות ווי צו לעבן. דורך דער שפּראַך איז טביה געוואָרן אַ כלל־טיפּ אַ פּאַרקערפּערונג פון יידיש פאָלק בכלל. אָן דער שפּראַך וואָלט אַזאַ ייד ווי טביה געפאַלן אונטער דער לאַסט פון זיינע צרות, אונטער דעם יאָך פון זיין גורל: וואָס מ׳שטיינס געזאָגט, איז דער כוח פון אַ מענטשן אויסצוהאַלטן אַליין, אַריבערצוטראָגן אַזוי פיל צרות. אַנדערש אָבער איז אונדזער טביה — ער איז נישט אַליין, — ער איז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין איין פּערזאָן. איינע פון די גרעסטע טראַגעדיעס פון יידישן פאָלק אין אַלע נייע לענדער איז דאָס, וואָס מען רייסט אָפּ די קינדער פון דעם אָרגאַנישן יידישן לשון. דערפון — די אויס־געוואָרצלטקייט, פון דאַנען די אָפּגעריסנקייט פון כלל־ייד, פון דאַנען די שווערקייט זיך צו אָריענטירן אין אַלע שווערע סיטואַציעס אין לעבן, פון דאַנען דער אָפּגעשוואַכטער חוש צו דער קונסט פון שפּראַך בכלל, צו פּאָעזיע, צו ליטעראַטור בכלל און אָפּט אפילו צו קולטור בכלל, צו פּראָבלעמען וואָס אַ וועלט מיט פעלקער האָט אַריינגעגעבן אין זייערע אָרגאַנישע שפּראַכן. פון דאַנען אויך די צעשאָטנקייט, די גייסטיק־מאָראַלישע צעשפּליטערטקייט פון אונדזער פאָלק היינט: אַז מען האָדעוועט זיך אָן אַ געמיינזאַמער קולטור, פון וואַנען זאָל קומען די איינהייטלעכקייט פון כאַראַקטער און טיפּ? דערפאַר טאַקע איז שוין נאָך שלום עליכמען אַזוי שווער צו געפי־נען אין דער יידישער ליטעראַטור אַזוינע יידישע כלל־טיפּן. דאָס פאָלק פאַרלירט זיין רייכע ירושה. די יידישע יוגנט קען צוריקקריגן די ירושה דורך דער יידישער ליטעראַטור און אין דער ערשטער ריי דורך אַזוינע ווערק ווי טביה. צוריק צו טביהן איז צוריק צו יידישקייט.

טביה און זיין קרוב מנחם־מענדל. מנחם־מענדל איז טביהס אַ קרוב גיט בלויז אין דער דערציילונג „פערד־פוס־בייטש־שטעקעלע״ ווי טביה ווילט זיך אַליין פון דער זייער וויטער משפּחה־קרובה־שאַפט. זיי זיינען אָבער באמת אַ סך נענטערע קרובים לויט זייער

כאַראַקטער און לויט זייער גאַנצן יידישקייט־גורל. אין דעם טביה־בוך גיט שלום עליכם אַוועק מנחם־מענדלען איין דערציילונג, ער האַלט אים אָבער בכלל פאַר אַזוי וויכטיק, אַז ער האָט פון אים געמאַכט אַ באַזונדער בוך, וואָס מען דרוקט על פּי רוב צוזאַמען מיט דעם טביה־בוך, ווייל זיי זיינען גאָר נאָענטע פריינד, צוויי קינדער פון דער זעלביקער סביבה און שפּראַך. מנחם־מענדל איז אָבער יינגער און דערפאַר טרעטן ביי אים אַרויס אַזוינע שטריכן וואָס ביי טביהן זיינען זיי נאָך נישט אַקטיוו. ביידע האָבן זיי ליב צו פאַנטאַזירן, טביה חלומט אויך וועגן דער גרויסער שטאָט, מנחם מענדל טוט עס, ער אַנטלויפט פון זיין שטעטל — קאַסרילעווקע, וואָס איז ביי שלום עליכם דער נאָמען פון אַ טיפּיש יידיש שטעטל, ער לאָזט זיך אין דער וועלט אַריין זוכן גליק. דאָס וואָס ביי טביהן איז געבליבן פּאַסיוו, איז ביי מנחם מענדלען אַקטיוו. טביה איז דאָך עלטער, ער האָט געלעבט אין דער צייט ווען דאָס יידישע שטעטל איז נאָך געווען גאַנץ, ווען דאָס רוב פון יידיש פאָלק איז נאָך בכלל געווען אַ שטעטלדיקס. טביהס שטעטל הייבט אָן חרוב צו ווערן ווען טביה איז שוין אַן אַלטער מאַן, זיינע קינדער ערשט ווערן אַרויסגעריסן פון געלאַסן שטעטלדיק לעבן. אַזוינע עלטערע יידן זיינען געווען אין יענע צייטן אין די שטעטלעך גאָר אַ סך, זיי זיינען געבליבן עלנט, פאַרלאָזן פון די קינדער, וואָס זיינען זיי צעפאָרן אין דער גרויסער וועלט, איבער ימים, — און די אַלטע געבליבענע אין די שטעטלעך, פלעגן לעבן מיט די „פּאַפּירענע קינדער" (פאָטאָגראַפיעס), מיט די קינדערשע דאָלאַרן פון אַמעריקע און זיך בעטן ביי די ווייטע קינדער „אַ בריוועלע דער מאַמען זאָלסט ניט פאַרזאַמען..."

מנחם מענדל אָבער איז שוין אַליין אַ קינד פון דער גרויסער עמיגראַציע פון שטעטל אין שטאָט אַריין און אין דער ווייטער אַמעריקע אַריין. אַהין קומט טאַקע סוף כל סוף מנחם־מענדל אין זיין באַזונדער בוך, אַהין קומען אויך טביהס איידעם און טאָכטער אַהין ברענגט שלום עליכם אויף זיין צווייטן באַליבטן העלד — דאָס קינד מאָטל פּייסים. אַהין איז דאָך אויך צום סוף פון זיין לעבן געקומען זייער אַלעמעס מייסטער אַליין — שלום עליכם. טביה אָבער איז נאָך פעסט איינגעוואַקסן אין שטעטל, עס איז אים שווער זיך אַרויס־צורייסן פון דעם, אַפילו ווען די צאַרישע רעגירונג טרייבט אים צור־

ואַמעז בײַט אַלע יידן פון די דערפער אַרויס. אָן זיין שטעטל, אָן זיין שטילער, אינטימער גאָטס וועלט איז טביה אַ פאַרלאָרענער, ער קען זיך קיין אָרט ניט געפינען, ער בענקט שטאַרק נאָך זיין „באַטקאָווטשינע״ (פאָטער־הייט, פון אוקראַיניש). דער יינגערער מנחם־מענדל אָבער רייסט זיך אַליין אַרויס פון קאַס־רילעווקע און לאָזט זיך זוכן גליקן אין דער וועלט אַריין. דאָס, וועגן וואָס טביה האָט בלויז געחלומט, וויל מנחם מענדל דערגרייכן אַקטיוו. ער לאָזט אין דער היים, אין שטעטל זיין משפחה, זי ציט אים צוריק אַהיים, אָבער ער לאָזט זיך אַלץ ווייטער. מנחם מענדל איז דער פיאָנער פון דעם דור איבערוואַנדערער. ווי אַלע פיאָנערן האָט ער אַ סך צרות, ער

מנחם־מענדל געמאָלט ה. יינגער

וויל זיך איינוואָרצלען אין אַ נייער, פרעמדער וועלט, ער און אַ סך ווי ער — לאָזט זיך לויפן און ער פאַלט כסדר, מען לאַכט פון אים, ער קומט אויס נאַריש, ווייל אומדערפאַרן. טביה האָט געלעבט אַ לעבן וואָס אַ סך דורות האָבן אויסגעטראָטן פאַר אים, מנחם־מענדל איז אָבער אַן אָנהייבער פון אַ נייער תקופה אין יידישער געשיכטע. די ערשטע אימיגראַנטן קיין אַמעריקע זיינען אַלע געווען מנחם־מענדליש. אַ סך זיינען געפאַלן, אַ טייל איז געלונגען, און ביי אַנדערע איז עס די קינדער געלונגען. וויפל „מנחם־מענדלס אייניקלעך״ פילן זיך דאָס איצט ווי פולשטענדיקע אַמעריקאַנער און זיי לאַכן פון זייער זיידן, פון ״מנחם־מענדלען״ (אויב זיי ווייסן פון אים).

אַזוינע מנחם־מענדלס זיינען געווען אויך די ערשטע פיאָנערן קיין ארץ ישראל, מען האָט פון זיי אויך געלאַכט, ווי מען האָט געלאַכט פון דעם פריערדיקן „מנחם־מענדל״ נאָך אין די צייטן פון מענדעלע מוכר ספרים, וואָס ער באַשרייבט אין זיין בוך „מסעות

בנימין השלישי". אין די אויגן פון די געמיטלעך־איינגעזעסענע זיי־
נען זיי געווען פאַנטאַזיאָרן, בעלי חלומות, ווייס איך וואָס. אַזוי
גייט עס אין לעבן. צוערשט קומען די פּאַסיווע פאַנטאַזיעס, ווי ביי
טביהן, שפּעטער קומען די ערשטע אַקטיווע פּרוואוון, וואָס זיינען
דאָס רוב אומגעלונגען, און דערפאַר לעכערלעך, ווי דער שלימזל־
דיקער מנחם־מענדל. אָבער זיי טאַקע טרעטן דאָס אויס דעם וועג

אַ יידיש שטעטל געמאָלט א. שלאָס

פאַר די ווייטערדיקע דורות, וואָס וועלן שוין זיין גליקלעכער און
דערפאַר זיך האַלטן פאַר קליגער און געראָטענער. זיינען טביה און
מנחם־מענדל טאַקע צוויי קרובים,ביידע זיינען טיפּישע יידן. מער
גיט וואָס טביה איז עלטער, זיין צייט איז אין שטעטל, דורכויס
שטעטל, אין זיין גאַנצקייט. מנחם־מענדל איז דער אַנטלויפער פון
שטעטל, דער פּיאָנער, דער זוכער פון נייע וועגן, זוכט ער לופט־
פּרנסות, חלומות, נעכטיקע טעג, דעם ווינט אין פעלד, אָבער ער

איז אַ פּיאָנער, אַ זוכער. ער געפינט נישט, וועלן אַנדערע נאָך אים יאָ געפינען, עס איז אַלע מאָל שווער און נישט פּאָפּולער דער וועג פון פּיאָנערן.

מנחם-מענדלס שפּראַך איז זיכער נישט אַזאַ רייכע און נישט אַזאַ שיינע ווי טביהס, און עס איז גאָר נישט שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס: זיין לעבן האָט נאָך נישט באַוויזן צו שאַפן אַזאַ רייכקייט, נאָך נישט אָנגעשפּייכלערט, נישט אָנגעזאַמלט אַזאַ דערפאַרונג, אַזאַ אוצר ווי די דורות וואָס האָבן אויסגעהאָדעוועט אַ טביהן.

דער טראַדיציאָנעלער גביר. מען דאַרף נישט מיינען אַז אין טביהס תקופה זיינען אַלע יידן געווען אָרעמעלייט, קבצנים, אביונים, דלפונים, און סתם נויטבאַדערפטיקע. ניין. עס זיינען אויך אין דער שטעטל-תקופה געווען רייכע יידן. אמת, זיי זיינען געווען זייער ווייניק, אָבער דאָך זיינען געווען אַזוינע. זיי האָבן געלעבט אין די גרעסערע שטעט, זומער פלעגט מען דאָס אַרויספאָרן אויף זומערווינונגען, דאַטשעס (אויף רוסיש). דאָס רוב זיינען דאָס געווען טראַדיציאָנעלע גבירים, נישט קיין אויפגעכאַפּטע — היינט רייך, מאָרגן ווידער אַ קבצן, עס זיינען געווען דורות גבירים מיט איינגעפּעםטיקטע טראַדיציעס פון גרויסע מנדבים, בעלי צדקה. צווישן זיי זיינען געווען גרויסע מנדבים, בויערס פון שולן, גרינדערס פון ישיבות, פון פּאָנדן. געווען צווישן זיי אויך אַזוינע וואָס פלעגן זיך אָננעמען פאַר יידן ביי אַלערליי גזרות וואָס די רעגירונגען פלעגן נישט זשאַלעווען צו שיטן אויף יידן. זיי — די רייכע יידן פלעגן אָפט פירן געשעפטן מיט דער רעגירונג טאַקע, פלעגן זיי האָבן אַ צוטריט צו די גרויסע לייט און ביי זיי פּועלן, אָפּבעטן די גזרות, אָפט מיט גרויסע „כאַבאַרן". זיי פלעגט מען רופן, פון העברעאיש „שתדלנים". פון דעם טיפּ איז געווען, קענטיק, דער גביר אין דער גרינער דאַטשע אין בויבעריק, וואָס האָט אַרויסגעהאָלפן טביהן צו ווערן אַ מילכיקער. דער גביר איז נישט אַזאַ ווי דער שפּעטערדיקער טביהס אייגעם, דער נגיד אויף אַ ווייל, ווי די אָנגעבלאָזענע נגידים, וואָס זיינען ביי יידן געווען זייער אָפט אין דער צייט פון מלחמה. טביה איז געווען דער טראַדיציאָנעלער קבצן און אָט האָט אים שלום עליכם צונויפגעבראַכט מיט דעם טראַדיציאָנעלן גביר, דעם פיינעם באַלעבאָס פון דער גרויסער שטאָט. זיי ריידן זיך צוזאַמען, זיי פאַרשטייען זיך — די קולטור איז איינע ביי ביידן.

עס איז כדאי צו פאַרגלייכן די באַגעגעניש צווישן אָרעמאַן און גביר מיט דער באַגעגעניש פון די זעלביקע צוויי קאָנטראַסטן ביי פּרצן אין דער דערציילונג „הכנסת כלה” און צו דעם קעגנשטעלן די באַגעגעניש מיט אָראַנטשיקס פּעטער.

טביהס טעכטער. צייטל. טביה און דער גרויסער גביר פון דער גרינער דאַטשע זיינען ווי די אַלטע פעסטע און שטאַרק איינגע־וואָרצלטעביימער: זיי קען אַ ווינט ניט בייגן. אַ שטורעם וועט זיי איינברעכן, אָבער ניט בייגן. די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיי ביידן געפּטרט. מנחם מענדל איז דער זוכער פון נייע וועגן, אומדערפאַרן, אומגעראָטן, אויסגעלאַכט. ער ניט, אָבער זיינע קינדער האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין נייע לענדער, אין נייע באַדינגונגען. אַלע דריי זיינען זיי דערפאַר געשיכטלעכע טיפּן. די ערשטע צוויי זיינען פאַר־שטייער פון דער אַלטער יידישקייט, דער דריטער שטעלט פאַר מיט זיך דעם איבערגאַנג. אַנדערש איז מיט טביהס טעכטער: יונגע, די־נע ביימעלעך. — שאָקלט זיי און עס טרייסלט זיי יעדער ווינט, יעדער שוואַך ווינטל אפילו וואָס האָט נישט געלאָזט אפילו קיין שפּורן אין דער געשיכטע. און קיין ווינטן האָבן אין יידיש לעבן אין רוסלאַנד ניט געפעלט אין אָנהייב פון יאָרהונדערט. עס איז דאָך גע־ווען אַ צייט פון מלחמות, רעוואָלוציעס, פּאָגראָמען, איבערוואַנדע־רונג פון די שטעטלעך אין די שטעט אַריין, גרויסע עמיגראַציע קיין אַמעריקע. עס איז אויך געווען דער אָנהייב פון די ערשטע פּיאָנע־רישע טריט אין ארץ ישראל. אויב נאָרמאַל, אין געוויינטלעכע צייטן קענען תקופות אָנהאַלטן דורות, הונדערטער יאָרן, זיינען זיי אין דער באַשריבענער צייט געלאָפן איינע נאָך דער אַנדערער ווי אין אַ ווינט, די ענדערונגען אין לעבן האָבן געיאָגט איינע די אַנדערע ווי די אמתע ווינטן. אין יעדער דערציילונג שפּיגלט זיך אָפּ אַן אַנדער סי־טואַציע אין יידישן לעבן, יעדער טאָכטער טביהס שטעלט מיט זיך פאַר עפּעס אַן נייע ענדערונג אין יידישן לעבן. די אַלע נייעסן האָבן שפּעטער ניט געלאָזט קיין שפּור אין יידישן לעבן. דערפאַר זיינען טביהס טעכטער ניט קיין היסטאָרישע טיפּן, אָבער אין לעבן פון יענעם דור האָבן זיי זיך אַלע אָפּגעשלאָגן ווי די כוואַליעס אין ים שלאָגן זיך אָן אַ ברעג.

טביה באַקלאָגט זיך אין דער ערשטער דערציילונג אויף זיין עלטערער טאָכטער צייטל — זי האָט איינגעפירט אַ נייע מאָדע. יידן

פלעגן געוויינטלעך פראַוועז שידוכים מיט זייערע קינדער אויף דעם אַלטן שטייגער דורך שדכנים. גאַר רייכע יידן פלעגן אַוועקפאָרן אין אַ ישיבה, אויסקלייבן דעם בעסטן לערנער און אים נעמען פאַר אַ



גאָלדע איז „פותר חלום" טביהן. געשפּילט אין דער פּרץ־שול אין מעקס קע.

חתן פאַר דער טאָכטער. אָרעמערע פלעגן באַשטעלן ביי אַ שדכן אַ שידוך, אַנדערע שידוכים פלעגן געשלאָסן ווערן אין וועג. יידן פלעגן פאָרן מיט די בוידן, פלעגט מען זיך אין קרעטשמעס אויפן וועג באַ־געגענען, פלעגט מען ביי דעם הייסן טיי און גלעזל בראָנפן שליסן מסחרים און שידוכים פאַר די קינדער. פלעגט מען קומען אַהיים און אָנזאָגן:

— קינד מיינס, ביסט מיט מזל געוואָרן אַ כלה, אָדער אַ חתן.

אַזוי האָבן אויך טביה און גאָלדע געמיינט חתונה צו מאַכן זייער ציטלען מיט דעם רייכן קצב. ציטל האָט אָבער געמאַכט די רעוואָלוציע. זי האָט זיך אַליין געפונען איר חתן. און טביה האָט נאָכגעגעבן, ווי עס האָט נאָכגעגעבן דער גאַנצער טראַדיציאָנעלער שטייגער. דער גוטמוטיקער טביה, וואָס האָט ליב אַ שפּיל צו טאָן זיך, טראַכט נאָך צו אַ שפּיצל ווי צו ווירקן אַז די ווייב זיינע גאָל־דע זאָל מסכים זיין צום שידוך. אין תוך אַריין אָבער איז ציטל ניט

ווייט אַוועק פון אירע עלטערן, ניט אין כאַראַקטער און ניט אין איר לעבן. ניט אומזיסט איז די דערציילונג געשריבן נאָך אין יאָר 1899. דער גאַנצער איבערברוך אין יידישן לעבן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אָנצומערקן.

טביה, גאָלדע, מאָטל און צייטל. פון אַ טעאַטער־שפּיל אין שול

האָדל. ניט אין פאַרגלייך ווייטער פון אירע עלטערן און אויך פון איר שוועסטער איז אַוועק טביהס צווייטע טאָכטער... די דערציילונג איז געשריבן אין 1904 מיט פינף יאָר שפּעטער ווי צייטלס געשיכטע. אָבער גאָר אַנדערע ווינטן האָבן געבלאָזן אין לאַנד. עס איז געווען די צייט פון דער ערשטער רעוואָלוציע, פון דער מלחמה מיט יאַפּאַן. די גאַנצע יידישע יוגנט איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. די צאַרישע רעגירונג האָט געהאַלטן די יידן פאַר בירגער פון אַ נידעריקן קלאַס, אָבער די יידן האָבן זיך געפילט אַז דער קאַמף אין רוסלאַנד איז אויך זייער קאַמף און זיי האָבן באמת מיט לייב און לעבן מיטגעקעמפט.

אָרעמע קינדער האָבן זיך געריסן צו בילדונג. אָבער ניט כדי צו מאַכן פון דעם אַ קאַריער, צו מאַכן אַ בעסער לעבן. פאַרקערט, האָט מען גאָר ווייניק געטראַכט וועגן זיך, וועגן איינאָרדענען זיך

בעסער, וועגן לעבן בעסער, עקאָנאָמיש לעבן רייך, שטרעבן צו אַ רייכן לעבן ווען אַרום איז פאַראַן אַזוי פיל אָרעמקייט; לאָזן זיך ווילגיין, ווען אַנדערע מענטשן האָבן ניט קיין ברויט! יענע יוגנט האָט עס ניט געקאָנט און ניט געוואָלט. מען האָט געוואָלט, מען האָט געשטרעבט די וועלט צו ראַטעווען, אויסצוגלייכן אָרעם און רייך. מען

בילדער פון אַ שטעטל. האָלצשניטן פון ש. יוראָוויטש

האָט געזוכט דאָס אייגענע גליק אין דערגרייכן דעם אידעאַל גליקלעך צו מאַכן די אומגליקלעכע, זאַט צו מאַכן די הונגעריקע, צו ראַטעווען די וועלט פון צרות און פּיין, מען האָט זיך געפילט גליקלעך אויפצוגעבן אַלץ, דאָס לעבן אין קאַמף קעגן די טיראַנען. עס איז באמת שווער פאַר אַ היינטיקן יוגנטלעכן אויף דעם קאָנטינענט צו באַגרייפן די פּסיכאָלאָגיע פון יענער יוגנט. עס וואָלט אפילו געווען גוט איבערצולייענען אַ ביאָגראַפיע פון אַן אַמאָליקן רעוואָלוציאָנער אין רוסלאַנד. האָדל און איר מאַן פּעפּערל קענען געבן אַ בילד פון יענער יידישער יוגנט. מען האָט געשאַפן טעאָריעס, געטיילט זיך אויף פּאַרטייען, מען פלעגט פּלאַנירן ווי צו בויען די צוקונפט פון דער וועלט און פון יידיש פאָלק, און מען האָט אויף דעב

אָפּגעגעבן די יאָרן, ניט טראַכטנדיק לגמרי וועגן דער אייגענער פּער־
יענלעכער איינאָרדענונג. גאַנצע נעכט פלעגן סטודענטן און סתם
אינטעליגענטן פירן דיסקוסיעס צווישן פּאַרטייען וועגן פּראָגראַמען
און פּלענער, וועגן פּראַקטישער אַרבעט. בחורים און מיידלעך פלעגן
גערן זיין צו שטעלן דאָס לעבן אין סכנה, צו מאַכן באָמבעס
פאַר דעם קאַמף קעגן דעם צאַר און זיינע גענעראַלן, וואָס האָבן
בייז געטאָן דעם פאָלק. מען איז גערן און שטאָלץ געגאַנגען אויף די
תליות, אין די טורמעס און אויף קאַטאָרגע אין סיביר און נאָך ווײַ־
טער, אוועקגעבן דאָס יונגע לעבן אין קאַמף פאַר דעם גליק פון פאָלק,
פון אָרעם פאָלק. „גיין אין פאָלק אריין“, לעבן ווי עס לעבט דאָס
אָרעמע פאָלק, זיך ניט שטעלן העכער פון אים — דאָס איז געווען
די מאָראַל, חברן זיך מיט דעם פּויער, עסן זיין עסן, אָנטאָן זיך
ווי ער, ריידן מיט זיין פּשוטער פּויערישער שפּראַך איז געווען דער
„גוטער טאָן“, „דינען דעם פאָלק“ — איז געווען דער טערמין פאַר
דער געטרייקייט, איבערגעגעבנקייט דעם קאַמף פאַרן גליק פון
פאָלק.

טביה פירט די צווי פרויען קיין בויבעריק. בילד פון פרידלענדער.

די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט האָט מען געמוזט פירן באַ־
האַלטן, פאַרבאָרגן, בסוד כדי די פּאָליציי און שפּיאָנען זאָלן נישט

באַמערקן. דאָס האָט געהייסן קאָנספּיראַציע. דערפאַר האָט אויך טביה נישט געוואוסט, נישט פאַרשטאַנען וואָס ביי אים אין שטוב טוט זיך.

ציַיטל באַגעגנט טביהן און וויינט — זי וויל ניט חתונה האָבן מיטן רייכן קצב

דער באַרג אַראָפּ.

מיט האָדלען און פּעפּערלען האָט די יידישע יוגנט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה. אין דער וויַיטערדיקער דערציילונג „חוה" וואָס שלום עליכם האָט געשריבן אין 1906, איז פאַראַן שוין די מאָראַלישע ירידה. די צאַרישע רעגירונג האָט דערשטיקט די רעוואָלוציע, און זי דערטרונקען אין יידיש בלוט פון פּאָגראָמען און גזרות און בלוט-בילבולים (ביילים פּראָצעס). טויזנטער זיינען צעשאָסן געוואָרן אין „שטראַף-עקספּעדיציעס" אָן אַ משפּט אפילו, נאָך מערער האָבן געפוילט אין די טורמעס אָדער זיך געמאַטערט אין די פאַרשיקונגען ווי פּעפּערל. עס איז די מאָראַל שטאַרק געפאַלן ביי דער מערהייט פון דער יוגנט. לאָמיר אָבער פריער אָפּגעבן כבוד דער

מינדערהייט וואָס האָט ניט פאַרלאָרן איר מאָראַל. ווען דער אויפ־
ברויז פון רעוואָלוציע האָט זיך געענדיקט, מען האָט פאַרלאָרן די
האָפענונג צו ברענגען פרייהייט און גלייכהייט אין רוסלאַנד, האָט
זיך דעמאָלט אַ טייל פון דער יוגנט אַוועקגעלאָזט פאַרווירקלעכן די
אידעאַלן אין ארץ ישראל. די דאָרטיקע פריערדיקע קאָלאָניעס האָבן
זיך געהאַלטן זייער שוואַך און דאָס — מיט שטיצע און מיט פרעמ־
דער אַראַבישער אַרבעט. האָט די יוגנט אַהין געבראַכט אַ טייל
אידעאַלן פון דער רוסישער רעוואָלוציע: אַרבעט, גלייכהייט, פריי־
הייט. דאָ האָט זיי קיינער ניט געשטערט. דאָס זיינען געווען די
חלוצים — פּיאָנערן. זיי האָבן געשאַפן דעם אָנהייב פון דעם וואָס
האָט דערפירט צו אַ יידישער מדינה.

טביה מיט זיין משפחה

נאָך מערער האָבן זיך געראַטעוועט קיין אַמעריקע. די גרעניצן
זיינען נאָך געווען אָפן, קיינע וויזעס האָט מען ניט געדאַרפט. איז
מען אַהין געלאָפן, האָט מען זיך „געמוטשעט און געמאַכט אַ לעבן"
ווי עס דריקט זיך אויס שלום עליכמס אַ צווייטער העלד — מאָטל
פּייסים. אָבער מען האָט אויך דאָ די וועלט ניט פאַרגעסן. די יידי־
שע אימיגראַנטן קיין אַמעריקע האָבן געהאָלפן אויפבויען גרויסע

און מעכטיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אַזוי פיל אויפ־געטאָן אין אַמעריקע. ניט ווי מען האָט געוואָלט אין רוסלאַנד — אַמעריקע איז דאָך ניט רוסלאַנד, אויך ניט אַזוי ווי ארץ ישראל, וואו עס איז דעמאָלט גאָרניט געווען און מען האָט געקאָנט אָנהייבן פון אָנהייב.



צוויי סצענעס פון טביה־שפּיל אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער

די נייע אימיגראַציע קיין אַמעריקע האָט אהער געבראַכט די יידישע שרייבער, דאָ האָט זיך אַנטוויקלט אַ יידישע פּרעסע, נאָך ווען אין דער אַלטער היים איז עס געווען אוממעגלעך צוליב די גזרות און פאַרבאָטן.

אין אַמעריקע האָבן די נייע אימיגראַנטן אַנטוויקלט אַ שולוועזן און אַ קולטור־אַרבעט. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מלחמה, און עס האָבן זיך אויף יידן אַ שאָט געטאָן ווידער אַמאָל צרות — פּאָגראָמען, גירושים (אַרויסטרייבונגען — מען האָט די יידן אַרויסגעטריבן פון גאַנצן מלחמה־ראַיאָן), האָבן די יונגע אימי־גראַנטן אַנטוויקלט אַ גוואַלטיק־גרויסע הילפאַרבעט, וואָס האַלט אָן אייגנטלעך ביז איצט. אין אַמעריקע האָט זיך אין דער צייט פון דער מלחמה אָרגאַניזירט אַ יידישער לעגיאָן צו קעמפן צוזאַמען מיט די פאַרבינדעטע צו באַפרייען ארץ ישראל. דאָס אַלץ האָט שלום עליכם נים באַוויזן צו שאַפן אין דער עפּאָפּעאַ פון יידיש לעבן וואָס אין בוך טביה דער מילכיקער: די חלוצים־באַוועגונג איז קענטיק, צו טביהן אין דאַרף נים דערגאַנגען און אין אַמעריקע איז ער צו ווייניק געווען אַליין, פּשוט נים באַוויזן צו דערשרייבן צוליב זיין פּריצייטיקן טויט.

דאָס וואָס איז יאָ דערגאַנגען צו טביהן, גיט ער אונדז אין די וויטערדיקע דערציילונגען. די רעוואָלוציע איז אָפּגעפאַלן, פון די פּאַרטייען זיינען געבליבן קליינע רעשטלעך, די יוגנט האָט זיך אַוועקגעלאָזט זוכן פּערזענלעך גליק, קאַריעריזם, פאַרגעניגנס אפילו אומ־מאָראַלישע. די רייכערע יוגנט האָט זיך געלאָזט אין די אוניווער־סיטעטן צו קריגן דיפּלאָמען. די צאַרישע רעגירונג האָט אָבער גע־האַלטן די מיטלשולן און די הויכשולן פאַר יידן כמעט ווי פאַר־שלאָסן. האָבן זיך יידישע יונגע בחורים און מיידלעך אַוועקגעלאָזט זיך שמדן, כדי צו קריגן אין פּאַספּאָרט אָנגעצייכנט אַז מען איז נים קיין ייד. עס איז געווען אַ קאַריעריסטישע שמד־מגפה אָן אַ ברעקל אידעע. אויס מים אַלע אידעען, מים אַלע אידעאַלן, מים אַלע מאָראַלישע פּרינציפּן. הפקר. עס איז געווען שווער זיך אויס־צוהיטן פון זיי, ווייל מען האָט גאָר נישט געקאָנט וויסן ווער עס טראָגט אין קעשענע אַ שמדצעטל. די דאָזיקע משומדים האָבן אייגנ־טלעך זיך אויסגעלאַכט פון ביידע רעליגיעס: זיי האָבן גאָרניט גע־טראַכט צו ווערן אמתע קריסטן און קיין יידן זיינען זיי דאָך סיי

ווי ניט געווען. אַט די שמד־מגפה קומט יאָ צו טביהן אין שטוב אריין.

חוה און כוועדקע

חוה.

טביהס דריטע טאָכטער, די קלוגע, שיינע חוה שמדט זיך. ניט מחמת איבערצייגונג, נאָר פשוט — זיך פאַרליבט אין דעם גיטיידישן בחור, אין דעם שיי־געץ און אַזוי ווי די צאַרישע רע־גירונג האָט ניט דערלויבט קיין געמישטע חתונות מיט יידן, האָט זי פאַרלאָזט איר היים, איר משפחה, איר פאָלק און איז אַוועק זיך שמדן. זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט וואָס פאַר טראַ־געדיע זי שאַפט פאַר אירע על־טערן, זי האָט זיי טאַקע אויך שטאַרק ליב געהאַט, אָבער איר כלומרשטער גליק פון איר לי־בע, ווי זי האָט געמיינט און (נאָך דעם אויסגעקרענקט) איז פאַר איר געווען וויכטיקער.

דאָ, אין דער דערציילונג גיט אונדז שלום עליכם אַן אויסער־געוויינטלעכן, פּראַכטיקן בילד פון דעם תהום וואָס האָט מאָראַליש אָפּגעטיילט טביהן פון זיין טאָכטער. טביה — דער פשוטער, אומ־געלערנטער ייד איז אָבער דער טיף פאַרוואָרצלטער ייד, ער איז דער „ייד שבייד", ער ברעכט זיך ניט און בייגט זיך ניט, ער בלייבט אַלע מאָל דער זעלביקער פעסטער און אויסגעהאַלטענער ייד. זיי־נע טעכטער אָבער בייגן זיך ווי דער ווינט בלאָזט. גיט דאָ אונדז שלום עליכם אַ בילד פון דעם טראַגישן קאַמף ביי טביהן אין נשמה — די שטאַרקע יידישקייט זיינע און די ליבע צו דער טאָכטער, וואָס איז אַזוי „איינגעבאַקן אין הארצן". און דער ייד איז שטאַרקער פון טאַטן. אַט איז די באַשרייבונג פון דער באַגעגעניש אין וואַלד. אַ גאַנצע וועלט־טראַגעדיע שפּילט זיך דאָ אָפּ צווישן צוויי מענטשן,

צווישן טביהן און זיין פֿאַרבלאָנדזשעטער טאָכטער, און טביה איז שטאַרקער. ער — דער שטאָלצער ייד האָט זיך אָפּגעזאָגט צו בעטן זיך ביים גלח, ער זאָגט זיך אָפּ צו ריידן מיט דער אייגענער, באַליבטער, שטאַרק געליבטער טאָכטער. ער איז געזעסן נאָך איר שבעה ווי נאָך אַ טויטן, אָנגעזאָגט אין שטוב, אַז „חוה איז לא יזכר ולא יפּקד, נישטאָ הוה, אויסגעמעקט און שוין". ניט איין מאָל האָט אַ ייד אין טביהס לאַגע געטראַכט און געבעטן גאָט — הלוואי וואָלט זיין קינד בעסער געשטאָרבן... חוה אָבער האָט זיך אַנטוישט — זי האָט זיך ניט געקאָנט איינלעבן אין דער פרעמדער סביבה, אין דער פרעמדער וועלט, וואָס איז אין שטח געווען דאָך אַזוי נאָנט — דער זעלביקער דאָרף, — אָבער גייסטיק, קולטורעל זיינען דאָס געווען צוויי ווייטע און פרעמדע וועלטן, וועלטן וואָס האָבן דורך דער אייביקייט זיך אַנטוויקלט באַזונדער. טביהס שטוב און זיין טראַדיציע איז איין וועלט און כוועדקעס שטוב און זיינע טראַדיציעס זיינען ווידער געווען צו ווייט אפילו פאַר דער געשמדטער הוהן. די רעליגיע האָט זי געקאָנט בייטן, אָבער די מענטשלעכע פאָרמעס וואָס זיינען אין איר אַריינגעוואַקסן פון איר ערשטן טאָג אָן (לאָמיר דאָס אָנרופן שטייגער-קולטור) — דאָס האָט זי נישט געקאָנט בייטן, דאָס קען קיינער ניט בייטן ווי מען קען די הויט, דעם קאָליר פון די אויגן ניט בייטן. חוה בענקט צוריק אהיים — צו איר טאַטע-מאַמע, צו אירע שוועסטער, צו איר פאָלק, אָבער זי ווייס: זי האָט זיך אָפּגעריסן פון אירע וואָרצלען און זי קען זיך מער נישט איינוואָרצלען. איר טאַטנס שטוב איז פאַר איר פאַרשלאָסן, ווי פאַר אַ פאַררעטער. חוה איז אַ פּשוטע פרוי, ניט די פּרינציפּן פון דער נייער רעליגיע האָבן זי אַנטוישט, זי האָט דער פילט אַז אַחוץ דער רעליגיע „וואָס מענטשן האָבן גענומען און זיך אַליין איינגעטיילט אויף יידן און גויים", ווי חוה טענהט נאָך פאַרן שמד מיט איר טאַטן, — אַחוץ דער רעליגיע איז איר וועלט אָפּגעטיילט פון כוועדקעס וועלט מיט טויזנטער יאָרן טראַדיציעס און קולטורן, הגם מען לעבט אַזוי נאָנט, מען קען ריידן איין שפּראַך און מען לייענט דעם זעלביקן שרייבער, דעם זעלביקן גאָרקי, און דאָך בלייבן די וועלטן פאַרשיידענע און ניט מיט דעם שמדצעטל קען מען זיי — די וועלטן — צונויפבינדן. זי פילט, חוה אַז זי איז אַוועק פון די שוואַכע צו די שטאַרקע, פון די געיאָגטע און פאַרפאָלגטע צו

די יעגער און פאַרפאָלגער פון דעם צעבלוטיקטן יידישן פאָלק צו זײַנע בלוטפאַרגיסער. איר איז ניט גוט, אפשר האָט אויך איר כוועדקע זיך דערפילט פרעמד צו איר, אפשר בענקט ער אויך נאָך זיין וועלט. חוה וויל צוריק, אָבער דער וועג איז פאַרשטעלט: די צאַרישע רע־גירונג האָט ניט דערלויבט צוריק ווערן אַ ייד. וויל חוה זיך דורכ־ריידן מיט איר טאַטן, אפשר וויל זי בעטן הילף, אפשר זוכט זי אַ וועג ווי צו אַנטלויפן פון די גליקן וואָס זי האָט געמיינט... אפשר? ווער ווייס? אָבער אַזאַ ייד ווי טביה, דער „ייד שבייד" וועט זיך ניט אָפּשטעלן ריידן מיט אַ געשמדטער, אפילו ווען זי איז זיין אייגענע טאָכטער, זיין באַליבטסטע קינד, וואָס זיין האַרץ בענקט נאָך איר אַ גאַנץ לעבן... אַזוי זיינען געווען יענע יידן, — עס איז נישט איינער — טביה — געווען אַזאַ. אמת, אין די גרויסע שטעט, וואו דאָס לעבן בייט זיך גיכער זיינען שוין געווען אַנדערע הפקרדיקע משומדים און עס זיינען שוין געווען אויך אַנדערע טאַטעס. אָבער טביה איז דאָך דער אַלטער, פעסט איינגעוואָרצלטער ייד, ער איז דאָך די יידישע טראַדיציע אין איר ריינער פאָרעם. חוה האָט איינ־געבראָכן אָט דעם שטאַרקן בוים, אָבער זי האָט אים ניט צעבראָכן. טביה האָט אויסגעהאַלטן דעם שווערסטן עקזאַמען אין לעבן פון אַ מענטשן. דער ייד אין טביהן האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. דאָס איז דער זעלביקער כוח, וואָס מיט אים זיינען יידן געגאַנגען אין אַלע קאַלך־אויוונס, אויף אַלע עשאַפאָטן וואָס כוועדקאָס עלטערן האָבן אויסגעטראַכט פאַר טביהן און פאַר זיינע עלטערן.

אויך האָדל איז ווייט אַוועק פון טביהן, אויף אייביק אַוועק, ווייטע שטחים צעטיילן זיי, אָבער טביה פילט איר מאָראַלישע הייך, איר ניט געבראָכענעם גלויבן, טאָקע ניט זיין גלויבן, אָבער אַ גלויבן, אַ שיינער גלויבן. איז דער אָרעמער טאַטע שטאָלץ מיט איר. חוה אָבער איז אַ געפאַלענע, זי האָט שוין קיין גלויבן נישט. זי איז אָפּגעריסן פון אַלע וועלטן, אָפּגעריסן פון אַלעמען. טביה קען רחמנות האָבן אויף איר, אָבער מוחל זיין איר קען ער ניט. דעם טאַטנס האַרץ קלאָגט און וויינט נאָך זיין קינד, אָבער דאָס יידישע האַרץ איז אומדערשיטערט פעסט און אויסגעהאַלטן, „ניין, טביה איז ניט קיין יידינע, טביה ווייס ווי מען איז זיך נוהג מיטן שטן מקטרג"...

טביה און גאָלדע זיצן שבעה נאָך דער געשמדטער טאָכטער

שפּרינצע.

די פערטע טאָכטער טביהס איז ווידער אַ טראַגעדיע. געשריבן איז די דערציילונג מיט אַ יאָר שפּעטער פון חוה, אָבער די צייט איז אייגנטלעך די זעלביקע: פאַרלאָרענע אידעאַלן, עגאָיזם, הפקר־דיקייט און אויסגעלאַסנקייט. די זעלביקע צייט פון פּאָגראָמען אויף יידן אין די גרויסע שטעט. די העלדישע יידישע זעלבסטשוץ־אָר־גאַניזאַציעס האָט טביה אין זיין דאָרף ניט געקאָנט זען, אָבער די הפקרדיקע צעלאָזנקייט איז יע דערגאַנגען ביז צו טביהן אין דאָרף. טאַקע צוליב די פּאָגראָמען האָבן יידן גענומען וואַנדערן, זוכן ערטער וואו מען קען אפשר זיין זיכערער פון אַ פּאָגראָם. דאָס אַנט־לויפן פון די פּאָגראָמען האָט עס געבראַכט קיין בויבעריק די רייכע אלמנה פון קאַטערינאָסלאַוו מיט איר צעלאָזענעם זון, דעם הולטיי, אויסברענגער און הפקריונג אַראַנטשיק.

טביה האָט אפילו אין זיין דאָרף געהערט וועגן דער טיילוויי־זער קאָנסטיטוציע, וואָס דער קייסער ניקאָליי האָט געגעבן, טייל־ווייזע כלומרשטע פרייהייט. פאַר טביהן איז דאָס וואָרט לגמרי ניי, ווייס ער ניט ווי מען זאָגט דאָס וואָרט, דרייט ער עס איבער, קומט ביי אים אַרויס „קאָסנעטוציע”. ער פאַרבינדט דאָס מיט די פּאָגראָ־מען, „קאָסנעטוציע” און פּאָגראָמען זיינען ביי אים די זעלביקע

זאך. אבער ניט דאס איז וויכטיק אין דער דערציילונג. דא ברענגט אונדז שלום עליכם ארויס דעם אמתן טיפ פון דער צעלאזענער יוגנט, וואס קען גארניט טאן, נאר אויסברענגען געלטער וואס דער פאטער האט מיט מי און מאטערניש אנגעקליבן. אט אזא צעלאזענע יוגנט איז ווייט ניט געווען זעלטן אין יענער טראגישער צייט. איבערהויפט אין הייזער אן טראדיציעס ווי ביי יענעם גביר וואס אין דער ערשטער דערציילונג. זיי זיינען אפטער אין היימען אויפגעקומענע, אקארשט רייך געווארענע, אן טראדיציעס, אן א פעסטער מאראל, ווי דאס ווייזט ארויס צום סוף פון דערציילונג אויך אראנטשיקס פעטער וואס קומט „דערליידיקן" דעם ענין פון אראנטשיקס ראמאן מיט טביהס טאכטער. דער אראנטשיק טראכט פון גארנישט, ניט פון לערנען, ניט פון ארבעט, נאר אויסברענגען, נאר פערדלעך, נאר „לאסיפעדן" (וועלאסיפעדן ־ בייסיקלעך) און פישכאפן. אזוינע טיפן זיינען היינט אויך פאראן ביי יידן ניט זעלטן, איבערהויפט טאקע אין אויפגעקומענע היימען, אן טראדיציעס: ניט לערנען, ניט ארבעטן, ניט פארדינען נאר אויסברענגען און שפילן, שפילן און פארוויילן זיך, פארווילן זיך מיט אלץ און מיט אלעמען. האט ער באגעגנט א שיין מיידל דא, פארוואס זיך ניט א שפיל טאן דא מיט איר כל זמן ער וועט דא זיין אין פראווינץ? קיין מאראל האט ער נישט, קיין אחריות פאר דעם צווייטן מענטשן האט ער אויך ניט, טא וואס ארט אים? און שפרינצע — די נאיווע גלייבט אים, זי נעמט ערנסט זיינע רייד און צוזאגן. ער מיינט אפשר אויך בעת מעשה אויף אן אמת וואס ער זאגט, אבער ער וועט קיין מאל ניט אויספירן זיינע צוזאגן. טביה דערקענט זיך אויף אים, אז ער איז א שארלאטאן, א פוסטע נוס וואס פייפט, א ווינט אין פעלד, א גארנישט מיט א נישט. שפרינצע אבער גלייבט אים, ער קען מסתמא פיין ריידן אויך, זי גלייבט אים, און מסתמא שפילט שוין צו איר פאנטאזיע און זי זעט זיך א גליקלעכע מיט איר „ארנאלדן", וואס איז שוין שענער ווי אראנטשיק, ווייל עס איז ווייניקער ענלעך צו יידיש. אירע פארשטעלונגען וועגן גליק זיינען שוין ניט אזוינע ווי עס זיינען געווען הודלס. אן אנדער צייט און אנדערע אידעאלן. און אז זי נעמט שוין ערנסט ווארטן אויף די גליקן וואס ער האט איר צוגעזאגט. אנטלויפט ער, אפילו נישט געזעגנט זיך מיט איר, און נישטא, נישטא מער אראנטשיק. ער האט צעבראכן איר הארץ.

עס אַרט אָבער אים גאָרניט. אפשר איז זי גאָר נישט די ערשטע ביי אים, אַ קרבן פון זיינע שפּילערייען. דאָס איז די טראַגעדיע פון אַן אָפּגענאַרטער מיידל. זי, שפּרינצע האָט ניט טביהס פעסטן כאַראַקטער, וואָס קען איבערטראָגן אַזוי פיל צרות, זי האָט ניט זיין גלויבן, זיין בטחון. זי האָט אויך ניט האָדלס פעסטקייט. האָדלס אידעאַל איז ניט פאַרלאָרן געגאַנגען, ער האָט זיך אָפּגערוקט אויף אַ צייט, אָבער ער איז ניט פאַרלאָרן! שפּרינצעס אידעאַלן אָבער איז ניט נאָר פאַרלאָרן, נאָר זי איז אָפּגענאַרט, באַליידיקט, באַשפּיגן. קיין גרעסערע ברייטערע אידעאַלן האָט זי ניט, זי האָט ניט קיין שום געביט וואָס זי זאָל זיך קענען אָפּגעבן מיט דעם גאַנצן האַרצן און פאַרגעסן איר אומגליק. פאַרלירט זי דעם זינען צו לעבן און זי גייט און דערטרינקט זיך. און אַז אַראַנטשיק דער שאַרלאַטאַן וואָלט זיך עס דערוואוסט, וואָלט עס אים געאַרט? זיכער נישט — ער איז דאָך אַזאַ. אַ פּוסט־און פּאַסניק, אָן אַ ברעקל אחריות פאַר אַ צווייטן מענטשן.

טביה קומט און דערזעט די דערטרונקענע טאָכטער

טביה האָט ווידער פאַרלאָרן אַ טאָכטער, טראַגיש פאַרלאָרן. האָט ער נאָך אָבער אַ צולאָג, ווי זאָגט ער אַליין — אַ מכה אויף אַ מכה און אויף דער מכה אַ בלאָטער. קומט דאָס צופאָרן פון קאַטע־

רינאָסלאַוו אַראָנטשיקס אַ פעטער באַפרידיקן טביהן פאַר דער אָפּפע־רע פון דעם צעלאָזענעם פלימעניק.

איז דער פעטער ניט בעסער: ער גייט דאָ מאַכן מסחר, וויפל וועט ער דאַרפן באַצאָלן, עס איז ביי אים אַלץ אַ מסחר, פאַר געלט קויפט ער אַלץ און מיט געלט באַצאָלט ער פאַר אַלץ, אפילו פאַר אַ צעבראָכן האַרץ פון אַ קינד. ער טראַכט וועגן טביהן ווי ער אַליין האָט „אַריינגעשלעפּט זיין טייערן פלימעניק אין אַ בלאָטע. אונטער־געשטעלט אַ שיין מיידל" (אים צו פאַרנאַרן, הייסט עס) „יע אַ טאָכ־טער, צי ניט קיין טאָכטער"... ער — דער רייכער סוחר וואָס קען צוליב געלט אָפּטאָן אַלערליי מיאוסע געשעפטן, שטעלט זיך פאָר אַז טביה איז אויך אַזוי... אָט די באַליידיקונג נאָך צו אַלע צרות קען שוין טביה ניט אַריבערטראָגן. אַן אַנדערער, ניט אַזאַ ייד ווי טביה, וואָלט פאַר אַזוינע רייד געגומען שלאָגן. טביה איז אָבער ניט אַזאַ. ער שלאָגט זיך גאָר מיט פסוקים. אָבער דאָ האָט שוין טביה אפילו קיין פסוק ניט געקאָנט זאָגן. עס איז אים געווען „תדבק לשוני" עס האָט אים אָפּגענומען דאָס לשון. אים, טביהן, זאָגט אַ רייכער גראָבער יונג, אַז ער, אַז טביה האָט עס אויסגעפּלאַנירט צו „פּאָמפּן געלט פון דער שוועסטער", אַ נדבה וועט ער געבן טביהן כדי אויסצוקויפן די באַליידיקונג פון זיין טאָכטער... טביה אַנט־לויפט, אַנשטאָט ער זאָל דעם גראָבן יונג אויספּאַטשן די באַקן, אפילו מיט אַ פסוק. צו טיף איז זיין ווייטאָג, צו גראָב און אומער־לעך איז דער רייכער פעטער ער זאָל אפילו פאַרשטיין טביהס אַ פסוק. טביה אַנטלויפט און לאָזט אוים דעם כעס און דעם ווייטאָג צום בעסטן חבר זיינעם, צום פערדל. ער קומט אַהיים — שפּרינצע איז אַריינגעפאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע, אויסגעהאַלטן עטלעכע טעג און זיך דערטרונקען .נישט אויסגעהאַלטן! אָבער דער אייביק גע פּלאָגטער, ליידנדיקער טביה האָט אַן „אַלטן פסוק, אַז כל זמן שהנשמה בקרבי, איז פאָר ווייטער, טביה!". דאָס איז דער כוח פון די טביהס...

וועד איז מער העלד: צי טביה מיט זיין כוח, אָדער אַ העלד פון מלחמה?

דער כוח צו לעבן אַריבערצוטראָגן אַלע צרות און זיך נישט איינברעכן, זיך ניט פאַרלירן, דער כוח צו לעבן ווייטער און וויי־טער צו ליידן איז אַ סך גרעסער איידער דער כוח צו שטאַרבן אין

אַ מאָמענט פון אַנטוישונג. טביהס כוח איז נישט אין פאַרגלייך גרעסער און שטאַרקער איידער דער כוח פון זיינע צוויי טעכטער — חוה און שפּרינצע. ניט אומזיסט דערמאָנט טביה כסדר זיין האָדל און איר פּעפּערל: דאָס האָט זיך דער אייביקער כוח פון אַלע טביהס איבערגעגעבן צו זיי, צו די האָדלס, צו די פּעפּערלעך. עס האָט זיך דער גלויבן געביטן; משיח יאָ, אָבער ניט קיין פּאַסיוו וואַרטן, נאָר אים ברענגען מיט כוח, מיט געוואַלד ברענגען דאָס גליק, דאָס גוטע, דאָס גערעכטע. עולם הבא — יאָ, זיכער! אָבער ניט פאַר זיך אַליין, נייערט פאַר דער גאַנצער וועלט און ניט אויף יענער וועלט נאָך דעם טויט, נייערט אויף דער וועלט... דער גן עדן מוז געשאַפן ווערן און פאַר אַלעמען און אויף דער וועלט. דאָס איז די טראַנספאָרמאַציע פון דעם אַלטן טביהס גלויבן אין דעם גלויבן פון פּעפּערל און האָדל. ז׳ערפאַר זיינען זיי ניט איינגעבראָכן געוואָרן, דערפאַר שרייבט האָדל צום אַלטן טאַטן אַז זי וואַשט וועש און איז גליקלעך. ניט קיין רייכקייט, נאָר דער שטאַרקער גלויבן מאַכט אַ מענטשן גליקלעך.

עס קומט אויס ווי דער פּשוטער טביה וואָלט אונדז געלערנט: גלייבט וועט איר זיין גליקלעך, האָט אַ אידעאַל, גלייבט אין אים, אַרבעט פאַר אים וועט איר זיין גליקלעך.

ביילקע. —

אָבער טביהס ניסיונות זיינען נאָך ניט געענדיקט, האַלט גאָט אים ווייטער אין איין עקזאַמענירן. האָט אים גאָט צוגעשיקט גאָר אַ רייכן שידוך, טאַקע מיט אַ נייעם, אויפגעקומענעם גביר, און ער וויל חתונה האָבן מיט דעם אָרעמען טביהס טאָכטער וואָס האָט נאָרנישט. טביה איז ניט צופרידן מיט דעם שידוך — עס איז ניט „פון זיינע מענטשן". ביילקע האָט אים אויך ניט ליב, נאָר זי האָט גאָר עפּעס אַנדערש אין זינען: דער טאַטע איז אַלט, שוואַך, ער בלייבט אַליין, ווער וועט אים העלפן אין זיין אַלטקייט? און ביילקע — די גוטע און געטרייע טאָכטער — באַשליסט: זי וועט חתונה האָבן מיט דעם גביר, זי זאָל קענען העלפן דעם אָרעמען און איינזאַמען טאַטן. פאַרשטייט זיך — זי רעדט ניט פון דעם, ניט זי, ניט דער טאַטע, נאָר ביידע פאַרשטייען זיך גוט. טביה פּרובירט אָפּריידן ביילקען פון איר באַשלוס, — אָבער טביהס טעכטער זיינען פאַרעקשנט, זיי גיבן זיך ניט אונטער, ווען זיי האָבן עפּעס באַשלאָסן.

נאָך אַ באַליבטער העלד שלום עליכמס: מאָטל פייסיס באַהאַלט זיך און רויכערט.

טביה אַליין זאָגט אויף זיינע טעכטער, אַז זיי נעמען זיך עפּעס אַריין אין זינען איז דאָס פאַרפאַלן.ביילקע אויך אַזוי. זי זאָגט איר טאַטן, ער זאָל זי צו האָדלען ניט גלייכן „האָדל האָט געלעבט אין האָדלס צייט און ביילקע לעבט אין ביילקעס צייטן... און פון האָדלס צייטן ביז ביילקעס צייטן איז אַזוי ווייט ווי פון דאַנען ביז יאַפּאַ־ניע”. אַזוי דערקלערט ביילקע אַליין פאַרוואָס זי האַנדלט אַנדערש ווי האָדל וואָלט געהאַנדלט. עס איז דער רעוואָלוציע־עקסטאַז אַראָפּ־געפאַלן ווי מיר האָבן דאָס שוין געשריבן, געפאַלן דער מוט און דער גלויבן ביי דער יוגנט, מען טראַכט מער פאַר זיך, איידער פאַר דער וועלט. אָבער ביילקע טראַכט ניט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַרן עלנטן טאַטן אויך. זי וויל אים מאַכן גרינגען זיין עלטער.

דער אויפגעקומענער גביר. דערווייל פירט אונדז שלום עליכם אַריין אין הויז פון אַט דעם אויפגעקומענעם גביר. אייגנטלעך איז

עס די זעלביקע זאַך ווי דער אַמעריקאַנער „סעלף-מייד-מען". אַליין זיך אַרויפגעאַרבעט אָבער פּסיכאָלאָגיש און סאָציאַל איז צווישן די צוויי טיפּן זייער אַ גרויסער מהלך. אין אַמעריקע ווערט אַזאַ איי־נער שטאַרק געשעצט פאַר זיינע פעיקייטן, פאַר זיינע אויפטוען. גאַר אַנדערש איז עס געווען אין צאַרישן רוסלאַנד. דאָס איז דאָך געווען אַ לאַנד, וואו די באַפעלקערונג איז געווען צעטיילט אויף שטאַנדן: פון געבוירן אָן זיינע די איינוואוינער איינגעטיילט געווען אויף חשובערע און קנאַפּווערטיקע בירגער. קיין גלייכקייט, ווי אין אַמעריקע. דער נידעריקסטער שטאַנד זיינען געווען די פּויערים אין די דערפער און די „שטעטלשע" („מיעשטשאַנעס") אין די שטעטלעך. דער צווייטער עקסטרעם זיינען געווען די אַדעלע. איבערהויפּט זיי־נען זיי געווען די פּריצים. צו זיי זיינען די פּויערים געווען פאַרשקלאַפט אין משך פון גאַנצע יאָרהונדערטער ביז צו דעם יאָר 1861. פּונקט ווי די נעגערס אין אַמעריקע. איז צווישן די צוויי שטאַנדן געווען אַ תהום. דער תהום איז אין סאָציאַלן לעבן געבליבן. שוין נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע אין פּוילן פלעגן פּויערים לויט דער אַלטער טראַדיציע קושן דעם פּריץ אין האַנט אַז מען פלעגט ריידן צו אים. ווער רעדט שטיין פאַר אים אָן אַ היטל — איז דאָך אָפּגערעדט. צווישן די צוויי עקסטרעמען זיינען געווען די שטאַנד פון סוחרים, בירגער, ערנבירגער. שולן זיינען געווען באַזונדערע פאַר יעדער שטאַנד. אַ פּויערים-קינד זאָל לערנען צוזאַמען אין איין שול מיט אַ פּריציש קינד וואָלט געווען אין גאַנצן אוממעגלעך. עס פאַרשטייט זיך, אַז רייכע, אויפגעקומענע פּויערים, סוחרים און שטאָטישע פלעגן זיך לאָזן קאָסטן אָפּט גרויסע געלטער כדי אַריבערצוגיין אין אַ הע־כערן שטאַנד.

ביי יידן זיינען ניט געווען קיין שטאַנדן. קיין פּויערים זיינען צווישן יידן כמעט ניט געווען, קיין פּריצים — אויך ניט. זיינען יאָ געווען: שטעטלשע (מעשטשאַנעס), סוחרים און גאָר ווייניק בירגער, ערנבירגער און ערנבירגער לדורות... יחוסדיק זיינען געווען די גרויסע סוחרים(פון דער ערשטער גילדע: וואָס פלעגן צאָלן די העכסטע שטייערן) און די נישטיקע צאָל ערנבירגער. דאָך זיינען ביי יידן אויך געווען יחסנים און גרויסע מיוחסים. דאָס איז געווען דער יחוס פון דער תורה. דער אַרעמסטער יינגל וואָס איז געוואָרן אַ באַרימטער לערנער איז שוין געווען אַ יחסן. גבירים פלעגן זיך

איינקויפן אין יחוס, דורך קריגן פאַר א טאָכטער א גרויסן למדן פאַר א חתן, דורך געבן א סך צדקה וכדומה. געווען, הייסט עס, געלטיחוס און תורה־יחוס.ביידע זיינען געווען זייער וויכטיק. אַט וויל זיך דער אויפגעקומענער גביר פדהצור איינקויפן אין יחוס. ער איז, ווי ביילקע דערציילט איר טאַטן, געווען אַן אָרעמער יינגל, געוואָרן רייך מיט זיינע אייגענע פעאיקייטן, אַליין אין דער צייט פון דער מלחמה צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן אין אָנהייב פון יאָר־הונדערט, געווען ביי דער רעגירונג א „פּאָדריאַטשיק" — עס הייסט — א קאָנטראַקטיסט. אַראָפּגעקומען צוריק קיין יעהופּעץ, באַמיט ער זיך דורך זיין רייכקייט איינקויפן זיך אין יחוס. חתונה האָט ער מאַקע מיט אַן אָרעמער מיידל. א רייכע וועט אים ניט וועלן, א יחסנטע — זיכער ניט. ער וועט נאָך דעם שוין אויסטראַכטן אַז זי איז א יחסנטע און פון א רייכן טאַטן. אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. דער אָרעמער טאַטע, זיין שווער איז צו נאָנט, מען קען נאָך, חלילה, זיך דערוויסן, אַז זיין, פדהצורס שווער איז גאָר אַן אָרעמער מיל־כיקער, וואָס פאַרקויפט קעז און פוטער אין בויבעריק די יעהופּע־צער נגידים. דעמאָלט שטייט דאָך אין סכנה דער גאַנצער יחוס זיינער, פדהצורס. איז ניטאָ קיין בעסערער פּלאַן ווי טביה זאָל אוועק־פאָרן ווייט — קיין אַמעריקע, קיין ארץ ישראל — וואוהין ער וויל, נאָר ער זאָל ניט זיין צו נאָנט. פדהצור שעמט זיך מיט זיין שווער, ער שטערט אים צו ווייזן זיך פאַר אַן אַן אַלטן, דורותדיקן אָרים־טאָקראַט, יחסן.

פאַר מנחם־מענדלען וואָלט עס געווען א גליק. אָבער ניט פאַר טביהן דעם איינגעזעסענעם, דעם איינגעוואָרצלטן אין זיין היים, אין זיין דאָרף, אין זיין סביבה. סיידן, זעט איר, קיין ארץ ישראל — דאָס איז עפּעס אַנדערש: וואָסער ייד האָט עס ניט געחלומט וועגן ארץ ישראל? צו זיין דאָרטן, צו שטאַרבן דאָרטן, צו זען מיט די אייגענע אויגן דעם כותל המערבי... די גליקן אין אַמעריקע, וואו „מען מוטשעט זיך און מען מאַכט א לעבן" ווי יידן־אימיגראַנטן פלעגן דאָס זאָגן — דאָס ציט ניט טביהן, ער יאָגט זיך ניט נאָך די אַמערי־קאַנער גליקן. אָבער ארץ ישראל — דאָס איז עפּעס אַנדערש!

אָבער דער פריש־אויסגעבאַקענער גביר פאַרשטייט ניט ווי מען ווערט א יחסן. ער פּוצט זיך אוים א דירה, וואָס האָט ניט קיין טעם, ער שיט מיט געלט אויף לאָקייען, שפּיגלען מיט זייגערס נאָר כדי צו

ווייזן דער וועלט ווי רייך ער איז כדי דערמיט זיך איינצוקויפן אין יחוס. לויט זיין נאַטור, ווי ביילקע דערציילט איז ער נישט קיין שלעכטער מענטש. אפשר אפילו אַ גוטער. אָבער ער וויל אין לעבן שפּילן אַ ראָל וואָס עס פּאַסט ניט פאַר אים, עס קליידט אים נישט די ראָל זיך צו פאַרשטעלן פאַר אַ געבאָרענעם גביר. איז עס ארויס-

דער פּאָליציאַנט וויל אַרעסטירן מאָטל פּייסים פאַרן פאַרקויפן זיין שלעכטן געטראַנק

געקומען אומנאַטירלעך, לעכערלעך, ווי אַ קינד טוט אָן אמאָל דעם טאַטנס הוט אין אַ שפּיל. פדהצור מיינט עס אָבער ערנסט, און דאָס האָט ביילקע ניט געקאָנט פאַרליידן, דאָס האָט איר ווי געטאָן. זי, ווי די גאַנצע משפּחה טביהם איז געווען נאַטירלעך, גאָרנישט נאָכ-געמאַכט, גאָרניט פאַלש. ערשט אַז איר פדהצור האָט אָנגעזעצט, און ער האָט געמוזט אַנטלויפן קיין אַמעריקע, דאָרטן וואו זיי האָבן ביידע געאַרבעט שווער, זיך „געמוטשעט און געמאַכט אַ לעבן”,

דאָרטן איז ביילקען געוואָרן ניחא איר לעבן: איר מאַן איז נאָר גע־זואָרן צוריק נאַטירלעך, ווי ער איז. לויט דער גאַנצער דערציילונג איז צו זען אַז אויך שלום עליכם אַליין האָט נישט קיין שום סימ־פּאַטיעס צו זיין העלד פּדהצור. שלום עליכם וואָס האָט אַזוי ליב אַ יידן, יעדער יידן — דעם פּשוטן ווי דעם גרויסן רב. ער האָט אמתן דרך ארץ אויך פאַר דעם רייכן יידן פון דעם ערשטן קאַפּיטל, — ער האָט אָבער ניט ליב פּדהצורן ווייל ער איז ניט ער, ער איז אַ פּאַר־שטעלטער, ער רייסט זיך, ווי מען זאָגט, פון זיין אייגענער הויט, ער וויל מען זאָל מיינען אַז ער איז נישט דאָס וואָס ער איז. ער רייסט זיך פון הויט אַרויס אַז צו אים זאָל קומען אפשר אַמאָל בראָד־סקי, אפשר גאָר ראָטשילד... און עס גייט אים ניט. ביז דער גאַנצער געמאַכטער גרים, דער אָנשטעל פאַלט אַוועק, און פדהצור קערט זיך אום צוריק צו זיך אַליין.

די דערציילונג האָט שלום עליכם געשריבן אין 1909. די עמי־גראַציע קיין אַמעריקע איז געווען זייער שטאַרק, שטעטלעך אין רוסלאַנד זיינען אויסגעליידיקט געוואָרן פון יונגע בחורים, עלטערע יידן זיינען געבליבן וואַרטן אויף אַ „בריוועלע דער מאַמען”, אויף די „פּאַפּירענע קינדער” (די פאָטאָגראַפיעס) און אויף אַ צוגעשיקטן דאָלאַר, ווייל די אָרעמקייט האָט זיך אַלץ געשטאַרקט. טביה אָבער איז צו איינגעוואַקסן אין זיין היים: ער פאָרט קיין ארץ ישראל, וואָס זיין האַרץ בענקט נאָך דעם. און עס שטעלן זיך אים טרערן אין די אויגן — ער בענקט, ער „וועט נאָך אַלעמען בענקען, אַלצ־דינג טוט אים באַנג”. עס איז דאָך געווען די צייט פון דער צווייטער עליה קיין ארץ ישראל, עס האָבן זיך דאָרטן געקליבן חלוצים, וואָס זיי האָבן אויפגעבויט דאָס וואָס פון דעם איז געקומען צו דער מדינה. אָבער צו טביהן אין זיין דאָרף איז די באַוועגונג ניט דערגאַנגען, דערפאַר פעלט אונדז אין דעם בוך אָט די נייע באַוועגונג.

די לעצטע צוויי דערציילונגען

„טאָפּעלע טוטערעטו"

האָט שלום עליכם געשריבן ערב דער ערשטער וועלטמלחמה און אין דער צייט פון מלחמה. אַלץ האָט זיך אין יידישן לעבן געוויגט, זיך געענדערט, גע־ביטן, קיין זאַך איז ניט געווען סטאַביל, אפילו מיטן לעבן גופא איז מען ניט געווען זיכער. איין זאַך האָט ניט געפעלט — צרות. דאָס האָבן יידן געהאַט גענוג און איבערגענוג, ווי אַלע מאָל

שלום עליכם אַליין איז קראַנק און ער וואַנדערט אַ קראַנקער — אין רוסלאַנד, אין איטאַ־ליע, אין דער שווייץ און אין אַמעריקע. אומעטום שרייבט ער אָבער מערער פון זכרונות, פון דעם וואָס עס איז געווען אין יידישן שטעטל, אין קאַסרילעווקע, אין בויבעריק וכדומה, אין די חרוב געוואָרענע יידישע שטעטלעך. דאָרטן איז דאָס יידישע לעבן אויסגעוואַקסן, דאָרט זיינען אויסגעוואַקסן די יידישע שרייבער און טוער, דאָרטן האָט דאָך יעדער ייד, יעדער יינגל און מיידל געקענט און געלייענט שלום עליכמען און זיינע דערציילונגען. אהין ציט זיך שלום עליכמס טאַלאַנט.

אין די נייע ישובים, אין אַמעריקע איז נאָך דאָס יידישע לעבן ניט איינגעשטעלט, ניט פאָרמירט. שעפן דאָ מאַטעריאַל פאַר טביהן האָט אפילו שלום עליכם ניט געקאָנט. אָבער שלום עליכם בענקט נאָך זיין אַלטן פריינד, נאָך זיין אויסגעטראַכטן, אויסגעחלומטן ליבן יידן — נאָך טביהן. שרייבט ער נאָך אַן איבעררייס פון פינף יאָר אַ נייע דערציילונג פון טביהן. דאַכט זיך, אַז אין דער פריערדיקער דערציילונג פאָרט דאָך טביה קיין ארץ ישראל, ער געזעגנט זיך דאָך מיט שלום עליכמען שוין אין באַן. אָבער דאָך

האָט שלום עליכם זיך פאַרבענקט נאָך טביהן און ער האָט חרטה: ער לאָזט אים ניט פאָרן קיין ארץ ישראל, ער דאַרף אים האָבן, ער דאַרף הערן און פאַרשרייבן זיינע מעשיות. אָבער קיין נייעם האָט ניט טביה צו דערציילן — ניט פון ארץ ישראל און נישט פון אַמעריקע. צו יונג, צו גיי, צו רוי און ניט פאַרוואָרצלט איז נאָך דאָ דאָס יידישע לעבן, אַז אַזאַ טביה זאָל זיך דאָ קענען איינוואָרצלען און ער זאָל קענען דערציילן שלום עליכמען פון זיין לעבן. שלום עליכם אַליין האָט צו ווייניק געלעבט אין אַמעריקע. מען קען אפשר זאָגן, אַז הגם ער איז געווען אין אַמעריקע, אָבער געלעבט האָט ער נאָך אַלץ מיט דעם יידישן לעבן פון דער אַלטער היים. כמעט די גאַנצע יידישע אַמעריקע איז דאָך געווען ווי אַ יונגע קאָלאָניע פון דער אַלטער היים, כמעט אַלע זיינען געווען פרישע אימיגראַנטן וואָס „האָבן זיך געמוטשעט און געמאַכט אַ לעבאַכץ" (אַ לעבן), אָבער מיט זייער נשמה שטעקן זיי נאָך אַלע אין דער אַלטער היים. ווי דאָס פאָלק אַזוי אויך זיין שרייבער. דערציילט אונדז טביה אויך ווידער אַמאָל פון דער אַלטער היים.



פיר יידישע שרייבער אין אַ שיפל: ביאַליק, בן־עמי, שלום עליכם און מענדעלע מוכר ספרים

לך לך.

די דערציילונג „לך לך" האָט אייגנטלעך גאַנצע דריי טיילן: די מעשה מענדל ביילים, וואָס טביה דערמאָנט; דאָס טרייבן פון די דערפער און דער פּאָגראָם וואָס דאָס פּויערים־פאָלק איז געקומען מאַכן אויף טביהן. וועלן מיר דאָ באַהאַנדלען אַלע דריי מאָמענטן.

צווישן דער דערשטיקטער רעוואָלוציע און דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די צאַרישע רעגירונג זיך באמת אָפּצוציען דעם צאָרן פון פאָלק און אָנרייצן עס אויף די יידן. כלומרשט זיינען דאָס די יידן שולדיק אין דער אָרעמקייט און צרות פון רוסישן פאָלק. אָט צוליב דעם האָט די רעגירונג אויסגעטראַכט אַ בלוט־בילבול אויף אַן אָרע־מען, פּשוטן יידן אין קיעוו. כלומרשט האָט עס דער אָרעמער אָנ־געשטעלטער אויף אַ ציגל־פאַבריק לעבן קיעוו מענדל ביילים גע־הרגעט אַ קליין קריסטלעך יינגל כדי צו צאַפּן פון אים בלוט אויף פּסח אין די מצות אַריין. מען האָט גוט אינסצעניזירט אין משך פון אַ פּאָר יאָר אָט דעם העסלעכן רוצחישן בילבול, אויסגעגראָבן פון סאַמע פינצטערן מיטלאַלטער, וואָס האָט יידן אָפּגעקאָסט אַזוי פיל בלוט און וואָס יידן דערמאָנען אים מיט דעם זעלביקן ציטער ווי די אינקוויזיציע למשל. נאָר בלוטדאָרשטיקע מענטשן אַליין האָבן געקאָנט אויסטראַכטן אויף יידן אַזאַ מין בילבול. גראָד אָבער איז דאָס געריכט־וועזן געווען אין רוסלאַנד אָרגאַניזירט דעמאָקראַטיש — עפנטלעכע מישפּטים פאַר געשוואָרענע ריכטער. האָט מען אויסגעפונען פאַר ריכטער פּשוטע אומגעבילדעטע מענטשן, געפונען עפּעס אַ גלח וואָס האָט געקאָנט אַ ביסל העברעאיש, אים באַשטימט פאַר אַן עקספּערט, ער האָט דאָס געדאַרפט באַווייזן אַז אין דער יידישער רעליגיע איז פאַראַן אַזאַ דין, אַז מען דאַרף טאַקע קריסטלעך בלוט אויף פּסח. קיין אַנטיסעמיטן־אַדוואָקאַטן האָבן אויך ניט געפעלט ווי ציווילע מאָ־נער .עדות האָט מען אויך געפונען.

אויך יידן האָבן זיך צום פּראָצעס צוגעגרייט: עס איז דאָך גע־ווען אַ מישפּט ניט קעגן איין יידן, דאָס האָט מען דאָך אָוועקגע־זעצט אויף דעם באַשולדיקונגס באַנק דאָס גאַנצע יידישע פאָלק מיט דער יידישער רעליגיע. איז די פאַרטיידיקונג פון מענדל בייליסן געווען אָרגאַניזירט אויסגעצייכנט. אַדוואָקאַטן רוסן און יידן. צווישן זיי דער באַרימטער אָסקאַר גרוזענבערג וואָס וועגן זיינע פּאַרטיי־דיקונגס־רעדעס פלעגן יידן דערציילן לעקענדעס גאַנצע.

פאַר דעם הויפּטעקספּערט פון דער פאַרטיידיקונג איז אַרויס־געטראָטן אַ גרויסער רוסישער געלערנטער, אַ פּראָפעסאָר פון תל־מוד, העברעיש און מזרח־שפּראַכן אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט.. אים צוהילף איז געשטעלט געוואָרן דער באַרימטער רב פון מאָסק־ווע... אַט אַזוי האָבן זיך פאַרמאָסטן אין משך פון לאַנגע חדשים די פינצטערע אַנטיסעמיטישע כוחות מיט די יידישע און פּראָגרעסיוו־רוסישע. און די שופטים זיינען געווען פּשוטע פּויערים און פאָלקס־מענטשן. זיי האָבן דאָס געדאַרפט מישפּטן אין דער פּערזאָן פון אַרעמען מענדל ביילים צי יידן נוצן קריסטלעך בלוט צי ניט...

דער פּראָצעס האָט אַרויסגערופן אַ גוואַלטיקן אינטערעס אין דער גאַרער וועלט, פאַרשטייט זיך. עס זיינען פון אַלע גרויסע צייטונגען געווען קאָרעספּאָנדענטן, מיר אין פּראָווינץ פלעגן זיך ניט קענען דערוואַרטן אויף דער צייטונג פון קיעוו, פלעגן מיר לויפן צו דער באַן צו כאַפּן די צייטונג גלייך ווי עס קומט אָן דער פּאַק. ניט איין מאָל איז אויסגעקומען צו פירן דיסקוסיעס מיט רוסן. הגם די פּראָגרעסיווע רוסן האָבן אויף דעם פּראָצעס געקוקט ווי אויף אַ חרפּה פאַר דעם רוסישן פאָלק, פון דעסטוועגן האָבן ניט געפעלט אַזוינע וואָס האָבן געגלויבט, אַז... אויב ניט אַלע יידן, מוזן דאָך מסתמא זיין אַזוינע סעקטעס וואָס נוצן יאָ בלוט... פאַרשטייט זיך, אַז מיר — די יונגע יידן — פלעגן אין אַזוינע דיסקוסיעס אויסגיסן אונדזער גאַנץ ביטער גאַל.

און די פּשוטע, אומגעבילדעטע ריכטער האָבן אַרויסגעטראָגן אַ באַפרייאונגס־אורטייל. ביילים איז באַפרייט. עס זיינען געפלויגן טעלעגראַמעס איבער דער וועלט, צייטונגען האָבן טעלעגראַפירט צו די פּראָווינציעלע אַגענטן און געבעטן איבערגעבן אַלע אַבאָנענטן, קיין ראַדיאָ איז נאָך ניט געווען. אָבער אין זעלביקן טאָג האָט גאַנץ רוסלאַנד געוווּסט: ביילים איז פריי. מענטשן — יידן און פּראָגרע־סיווע רוסן האָבן זיך געקושט אין די גאַסן... „באַפרייט! באַפרייט!" האָט מען געשריען אין די גאַסן פון אַלע שטעט. אַמעריקאַנער און־טערנעמער האָבן גלייך פאַרגעלייגט בייליסן אַ גרויסע סומע ער זאָל קומען, און זיי וועלן אים אַרומפירן איבער אַמעריקע ווי אַ סענ־סאַציע. ער — דער פּשוטער ייד — האָט אָבער פאַרשטאַנען זיך אָפּצוזאָגן און איז אַוועק קיין ארץ ישראל, וואו ער איז גאָר גיך געשטאָרבן. אַזוי האָט זיך געענדיקט אַ גרויסע דראַמע פון יידנטום

אין רוסלאַנד. באַלד איז געקומען די ערשטע וועלטמלחמה מיט „נייע צרות וואָס האָבן געמאַכט פאַרגעסן די פריערדיקע צרות" (אַן אויסדרוק פון גמרא). מיט אַ פערציק יאָר שפּעטער האָט אין רוסלאַנד אַן אַנדער רעגירונג, אַ „רעוואָלוציאָנערע" רעגירונג אויסגעטראַכט אויף יידן ניט קיין קלענערע בילבולים און אַן אַ מישפּט, אַן געשוואָרענע ריכטער פאַרמישפּט צום אומקום די גאַנצע יידישע קולטור און די יידישע שרייבער. עס בייטן זיך צייטן, עס בייטן זיך רעגירונגען אָבער די אַלטע שינאה בלייבט. דאָס איז די מעשה פון מענדל ביילים וואָס טביה דערמאָנט אין דער דערציילונג.

אָבער דאָס איז ווייט ניט געווען אַלץ וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אויסגעטראַכט אויף יידן. וואָס איז דאָס פאַר אַ „לך לך"? דאַרף מען אויך וועגן דעם דערציילן אַ גאַנצע עפּאָפּעע. בכלל האָבן יידן אין רוסלאַנד געטאָרט וווינען נאָר אין אַ באַגרעניצטן ראַיאָן (דאָס האָט מען גערופן אין העברעאיש „תחום המושב", אָדער אין רוסיש — טשערטאַ אָסעדלאָסטי). דער ראַיאָן, דער תחום האָט אַרומגענומען קרוין-פּוילן, ליטע און אוקראַינע. אויסערן תחום האָבן געמעגט וווינען נאָר יידישע בעלי מלאכה, גרויסע סוחרים, יידן מיט העכערער בילדונג, וואָס זיינען געווען זייער ווייניק (ווייל יידן האָט מען אָנגענומען אין אוניווערסיטעטן נאָר אַ קליינעם פּראָצענט) און אויך... פאַרברעכער פאַרשיקטע אין די ווייטע מקומות. אָבער אויך אין תחום המושב האָבן יידן ניט געטאָרט וווינען אין די דערפער (ווייל דאָס מאַכן זיי אָרעם דאָס פויערים-פאָלק) און אין דער הייליקער שטאָט קיעוו (טביה רופט די שטאָט יעהופּעץ און ער דערציילט ווי זיין קרוב מנחם-מענדל וואַלגערט זיך דאָרטן אָן רעכט און ציטערט פאַר יעדער פּאָליציאַנטן... דער טיטול — דאָרף, שטעטל אָדער שטאָט איז געווען באַשטימט פון דער רעגירונג. פלעגט מען וועלן אָנטאָן צרות אַ שטעטל, פלעגט מען עס מעלדן פאַר אַ דאָרף און במילא מוזן אַלע יידן אַרויספאָרן פון דאָרטן. ווי אַ גרויסן חסד פאַר די יידן האָט מען באַשטימט הונדערט מיט איין דאָרף פאַר שטעטלעך. ביי שלום עליכמען איז פאַראַן אַ דערציילונג מיט דעם נאָמען. אָט טרייבט מען אויך טביהן פון זיין דאָרף וואָס נישט נאָר ער איז דאָרט געבאָרן, נאָר עס איז זיין „באַטקאָוושטינאַ" (זיין טאַטנס היים) אפילו. דאָס האָט די צאַרישע רעגירונג גענומען אָפּהיטן די אָרעמע פויערים פון דער „שלעכטער יידישער שכנות".

דאָ ברענגט שלום עליכם דאָס ערשטע מאָל צונויף טביהן מיט זיינע ניט־יידישע שכנים, מיט די פויערים פון זיין דאָרף. און מיר זעען קלאָר דעם תהום צווישן זיי. דער פשוטער ייד טביה איז א טרעגער פון אן אַלטער קולטור, ער לעבט זיך אוים אין איר, די פסוקים, די מאמרים, די ווערטלעך גיבן אים עצות אין לעבן און כוחות צום לעבן; ער פילט זיך מיט לייטן גלייך ווען ער האָט די מעגלעכקייט צו נעמען א ספר אין האַנט; ער איז פאַר זיך א פי־לאָסאָף וואָס האָט ליב צו טראַכטן וועגן גאָטס וועלט און זיך דורכ־ריידן מיט גאָט אַליין טאַקע... זיי אָבער זיינען ערשט מיט א האַלבן יאָרהונדערט צוריק באַפרייט געוואָרן פון שקלאַפעריי, זיי וויסן לגמרי ניט פון זייער אייגענער קולטור, פון קיין ספרים, פון קיין ביכער; זייער פאָלק האָט שוין אויך געהאַט א גרויסע קולטור, האָט פאַרמאָגט גרויסע און וועלט־באַרימטע שרייבער, איז אָבער די גאַנ־צע קולטור איינגעשטאַנען ביי די פריצים, ביי די רייכע. — דאָס פויערים־פאָלק האָט מען ניט צוגעלאָזט צו דער קולטור. עס זיינען געווען בפירושע פאַראָרדענונגען פון דער רעגירונג מען זאָל מאַכן שוועריקייטן פאַר די קינדער פון די אָרעמע שטאַנדן אַנצוקומען אין א שול פון די רייכע. די גרעסטע טייל פון זיין זיינען געווען אַנאַלפאַ־בעטן בעת ביי יידן איז צווישן די מענער ניט געווען קיין איינער וואָס זאָל ניט קענען דאַווענען אין סידור. און דאָס האָבן יידן אָרגאַניזירט אַליין, אָן דער הילף פון א רעגירונג — א גאַנצע סיסטעם פון שולן, איינע, א גלייכע פאַר אַלע קינדער פון פאָלק, אָרעם ווי רייך אַלע גלייך, פולשטענדיק דעמאָקראַטיש אין א סביבה וואָס האָט פון אַזוי־נע זאַכן נישט געהאַט קיין אַנונג. און אַט די בילדונג־סיסטעם האָט דאָך שוין עקסיסטירט ביי יידן נאָך לענגער ווי דער גלות, ווייל אָרגאַניזירט איז די סיסטעם געוואָרן מיט א הונדערט יאָר פאַרן חורבן.

זיי האָבן אויך געהאַט א מין קהילה — די הראַמאַדאַ, אָבער ווי ווייט איז זי פון יענע יידישע קהילות וואָס האָבן געזאָרגט פאַר שולן פאַר אָרעמע קינדער, פאַר אָרעמע קראַנקע און געדריקטע בכלל, פאַר עלנטע, פאַר ספרים און איבערהויפט פאַר דאָס גאַנצע פאָלק — קליין און גרויס אַלע זאָלן לערנען.

טביה האָט געפילט און געוואוסט דעם אונטערשייד צווישן אים און זיי. דערפאַר האָט ביי די טביהס ניט געקאָנט זיין קיין שום

אַסימילאַציע הגם ער איז דאָך געווען איין ייד צווישן אַזוי פיל ניטיידן.

אין דערציילונג „לך לך" האָבן מיר נאָך אַ טראַגישן מאָמענט: די געשמדטע טאָכטער קומט צוריק. עס איז ניט אויסגעטראַכט סתם פון קאָפּ, סתם לשם עפעקט: עס זיינען געווען משומדים וואָס זיי־נען אויפגעגעסן געוואָרן פון זייער אייגענעם געוויסן. עס זיינען געווען אַ סך היסטאָרישע פאַקטן פון דעם מין, געווען אפילו אַ פאַל פון נעמען זיך דאָס לעבן. ווערן צוריק אַ ייד האָט מען אין צאַרישן רוסלאַנד ניט געקאָנט, אָבער געליטן האָבן זיי.

טביה איז טאַקע דער זעלביקער שטאָלצער ייד וואָס וויל פון זיין געשמדטער טאָכטער ניט ווּיסן. ער ווייס אַז אַ צווייגעלע, וואָס האָט זיך אָפּגעבראָכן פון בוים מוז פאַרטריקנט ווערן, דאָס בלעטל וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון בוים מוז פאַרפוילט ווערן... אָבער טביה איז שוין עלטער און געבראָכענער, ער האָט נישט דעם פריערדיקן כוח, און ער פאַרטרייבט נישט די צעבראָכענע, פון געוויסן אויפ־געגעסענע חוהן צוריק ווי פריער. זי איז דאָך געקומען ליידן גלות צוזאַמען מיט איר טאַטן, מיט איר פאָלק. זי וויל זיין אַ שותּף צו די יידישע צרות, „דאָרט וואו מיר — די יידן — דאָרט איז זי; אונ־דזער גלות — דאָס איז אויך איר גלות". דאָס איז נאָך אַ נסיון פאַר טביהן.

שלום עליכם מיט ביאַליקן

טביהס גאַנץ לעבן איז געווען פול מיט נסיונות. זיין אַ ייד האָט מען דאָך געדאַרפט אַ גאַנץ לעבן זיין אַ העלד, מען האָט דאָך געדאַרפט קענען אויסשטיין די נסיונות און בליי־בן אַ ייד. די גאַנצע יידישע גע־שיכטע איז אַ בוך פון נסיונות. זי הייבט זיך אָן ביי דעם ער־שטן יידן מיט דער „סדרה" „לך לך" און דער „לך לך" הזרט זיך אַזוי איבער דורך אונדזער גאַנ־צער געשיכטע, זיינען מיר דאָך

דער ,אייביקער וואַנדערער׳, דער אהאספער און עס איז זייער גוט וואָס שלום עליכם האָט די דערציילונג א נאָמען געגעבן מיט די צוויי ווערטער לך לך, וואָס מיט זיי הייבט זיך אויך אָן די געשיכטע פון דעם ערשטן יידן. עס איז פאַראַן א גמרא אַז דאָס וואָס עס ווערט דערציילט וועגן די אבות איז א סימן פאַר די קינדער, פאַר דעם גאַנצן פאָלק ישראל, פאַר אַלע יידן. און פאַרקערט דאָס וואָס עס איז געשען מיט דעם גאַנצן פאָלק איז א סימן פאַר יעדער איינציקן יידן און פאַר אונדזער טביהן. ער איז דאָך דער „ייד שבייד", הגם דאָס יידישע פאָלק האָט נאָך געהאַט מער און מער. האָט מען דאָך טביהן קיין פאָגראָמען ניט געמאַכט, האָט מען ביי אים ניט אַוועקגעריסן קיין קליינע ייִנגלעך פון דער מאַמען און זיי ניט פאַרטריבן ערגעץ קיין סיביר אויף א גאַנץ לעבן ווי די קאַנטאָניסטן; האָט מען דאָך טביהן ניט געברענט אין קיין אינקוויזיציעס... האָט דאָך טביה ניט איבערגעלעבט קיין היטלער־גזרה. עס פעלט נאָך טביהן צו דער פולער מאָס נסיונית, צו דער פולער מאָס יידישע צרות.

און עס איז גוט וואָס שלום עליכם דערציילט אונדז נישט ווי טביה איז געשטאָרבן. איז ער געשטאָרבן? איז ער דען נישט דער



דער „זיידע" מענדעלע מוכר ספרים און דער „אייניקל" שלום עליכם

סימבאָל פון אונדזער אייביק יידיש פאָלק וואָס ציט ווייטער און ווייטער דעם לך לך? וואָס האָט ווייטער צרות פון קינדער וואָס רייסן זיך אָפּ פון אים, ווי „אַ בלעטל וואָס פאַלט אַראָפּ פון בוים״? טביה לעבט, עס פעלט בלויז זיין מייסטער — שלום עליכם.

וועגן דעם ערשטן יידן, וועגן אברהם אָבינו דערציילט דער חומש, אַז גאָט האָט אים אויסגעפּרובירט, אויסגעפּרובירט זיין געטרייקייט, צי קען ער ברענגען זיין זון אַ קרבן פאַר גאָט. וויפל אַזוינע נסיונות האָט אויסגעהאַלטן טביה?

יידן האָבן ליב צו דערציילן וויצן. דערציילט מען אויך:

דעם יידישן גאָט איז געשען אַ גליק, וואָס אברהם האָט נישט געקוילעט יצחקן אויף דער עקדה. איז דאָך אַזוי אויך פאַרמאַטערן יידן גאָט, זיי האַלטן אין איין דערמאָנען אים די עקדה, און זיי פאָדערן ביי אים ער זאָל זיי באַצאָלן פאַר איר. היינט ווי וואָלט שוין געווען ווען אברהם וואָלט, חלילה, יאָ געקוילעט יצחקן? וואָלט זיך גאָט ניט געקאָנט אויסצאָלן מיט זיינע יידן... דאָס איז דער וויץ. אָבער וויפל קרבנות האָט טביה יאָ געגעבן? וויפל עקדות האָט דאָס יידישע פאָלק יאָ אויסגעהאַלטן?

פאַראַן אין תנך נאָך אַ ספר פון נסיונות, וואָס גאָט פּרובירט אוים אַ מענטשן. דאָס איז דער ספר איוב. איוב טענהט זיך אוים מיט גאָט, גאָט ענטפערט אים און איוב גיט זיך אונטער. טביה האָט בלייבט ביי זיינע טענות און ביי זיין פעסטן גלויבן. טביה איז שטאַרקער פון איובן און זיין יידישקייט איז שטאַרקער.

פאַראַן ביי שלום עליכמען נאָך אַ דערציילונג „שווער צו זיין אַ ייד״ (זי איז אויך דראַמאַטיזירט און איז אַ סך מאָל געשפּילט געוואָרן אין טעאַטער, פּונקט אַזוי ווי „טביה דער מילכיקער״). אַזוי אַרום איז דאָס בוך טביה דער מילכיקער איינס פון די ספרים פון יידישן פאָלק.

מיר האָבן באַהאַנדלט אַלע דערציילונגען וואָס אין דעם בוך „טביה דער מילכיקער״. מען דאַרף אָבער אויך ניט פאַרגעסן וואָס עס פעלט אין בוך: טביה האָט זיבן טעכטער, אָבער דערציילט ווערט נאָר פון פינף. עס פעלן צוויי דערציילונגען וועגן די צוויי יינגסטע.

מער ווי צוואַנציק יאָר האָט שלום עליכם געהאַלטן אין קאָפּ (און אין האַרצן) זיין ליבן פריינד טביהן. ער האָט זיך כסדר, ביי יעדער נייער ענדערונג אין יידישן לעבן ווידער אומגעקערט צו

אים, אַלע געשעעניש אין יידישן לעבן אַנגעמאָסטן אויף טביהן. עס פעלן אָבער צוויי דערציילונגען: עס פעלט אַ דערציילונג וועגן יידן אין אַמעריקע. נאָך מער פעלט אַ דערציילונג וועגן יידן אין ארץ ישראל. די צוויי דערציילונגען האָט שלום עליכם פשוט ניט באַוויזן אָנצושרייבן — ער איז צו פרי געשטאָרבן.



שלום עליכמס לוויה אין ניו־יאָרק

דער מייסטער איז געשטאָרבן, נישטאָ מער שלום עליכם, אָבער טביה — דער סימבאָל פון יידיש פאָלק איז ניט געשטאָרבן. טביה לעבט ווייטער, ער וואַנדערט ווייטער, ער איז דאָ אין אַמעריקע און איז דאָ — נאָך מער — אין דער מדינת ישראל, ער איז געווען אין די געטאָס אין אייראָפּע; מען האָט אים געברענט אין די קרעמאַ־טאָריעס אין די לאַגערן, ווי דעם ערשטן יידן אין קאַלכאַוויון. גלייך נאָך דער באַפרייאונג האָט ער זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך אַ ספר — דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם. האָבן זיינע אייניקלעך נאָך אין די לאַגערן, אָבער שוין באַפרייטע געשפּילט אין טעאַטער „טביה דער מילכיקער״. און דער אַלטער אַנגעליטענער טביה איז געזעסן און געקוקט, זיך צוגעהערט ווי מען שפּילט אים אין ארץ ישראל. און כל זמן יידישע קינדער אין דער וועלט, אין אַלע לענדער וועלן

יערנען דאָס בוך פון טביהס ניסיונות, וועט לעבן טביה — דער אייביקער ייד.

טביה זאָגט צום סוף פון בוך „מען זאָל זיך ניט זאָרגן — אונזער אַלטער יידישער גאָט לעבט" און מיר מעגן צוגעבן — עס לעבט אויך אונדזער אַלטער פריינד טביה דער סימבאָל, דער ייד שבייד.

שלום עליכמס מצבה

דער טייטש פון ווערטער און פסוקים.

לויט די קאַפּיטלען פון בוך

קטנתי — איך בין קליין, ניט ווערט.

חי וקים. — לעבט און עקזיסטירט. (אַ פּראָסטער חי וקים — אַן איינ־פאַכער מענטש.

נושא חן געווען — געפעלן געוואָרן.

על צד היותר טוב. — ווי אם בעסטן.

חדש ימינו כקדם. — באַניי אונדזערע טעג פון אַמאָל.

למנצח על הגתית. — פאַר דעם געזאַנג־מייסטער אויף דעם אינס־טרומענט גתית (תהילים).

אין חכמה ואין עצה. — נישטאָ קיין חכמה און נישטאָ קיין עצה, נישטאָ וואָס צו טאָן, עס וועט גאָרנישט העלפן.

ריוח והצלה יעמוד ליהודים. — אַ פאַרגרינגערונג און אַ רעטונג וועט אײַפשטיין פאַר די יידן (מגילת אסתר).

כל זמן שהנשמה בקרבי. — כל זמן די נשמה איז אין מיר.

נשמת כל חי. — די נשמה פון איטלעך באַשעפעניש.

אחרי ככלות הכול. — נאָך דעם סוף פון אַלץ.

ונתנה תוקף. — לאָמיר דערציילן די קראַפט (אַ תפילה פון ימים נוראים).

מי ירום ומי ישפל. — ווער עס וועט דערהייבן ווערן און ווער עס וועט דערניד־דערט ווערן (פיוט פון ימים נוראים).

בשר ודגים. — מען זאָגט אויף אַ מענטשן בשר ודם — פלייש און בלוט. מאַכט טביה איבער בשר ודגים — פלייש און פיש.

ומקיים אמונתו לישני עפר. — ער היט אָפּ דעם גלויבן אין אים פאַר די וואָס שלאָפן אין דער ערד (די געשטאָרבענע).

ראה נא בעניינו. — זע נאָר אונדזער אָרעמקייט.

רפאנו ונרפא. — הייל אונדז און מיר זאָלן געהיילט ווערן.

ברך עלינו. — בענטש פאַר אונדז.
שובר אויבים. — ער ברעכט איין די שונאים.
בהמה בצורת פערד. — מען זאָגט „**בהמה בצורת מענטש**", מאַכט טביה איבער און זאָגט **בהמה בצורת פערד.**
כיפקע צרות. — (פון אוקראַאיניש-שיטעווידיקע צרות, עס שיט זיך).
כחרס הנשבר. — ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן, עס איז ניט גלייך, ניט פאַסיק, גישט ענלעך. מען זאָגט אויך אַ **משל צו אַ טאַרבע פלעקער.**
ויסעו מרפידים. — זיך געלאָזט גיין פון רפידים (ווען די יידן זיינען געגאַנגען פון מצרים).
החילות לנפול. — האָסט אָנגעהויבן צו פאַלן (פון מגילת אסתר — המן פאַר מרדכין).
ברחל בתך הנאקעטע. — עס שטייט **ברחל בתך הקטנה.** מאַכט טביה איבער פון אַ וויץ וועגן.
שטשע ניע פּוימאַוו א ווזשע סקובע. — (פון אוקראַאיניש-נאָך ניט געכאַפּט (דעם בער) און ער שינדט שוין (די פעל צום פאַרקויפן).
מיט אַ ירגזון. —ירגזון — אַ כעס. דאָ מיינט עס אַ טומל, גערויש.
ברוכים היושבים. — אַ ברכה אויף די זיצער — אַזוי ווי „מיט פיל אַפּעטיט", „עסט געזונט".
איזה לחיים ואיזה למות. — פון דער תפילה „ונתנה תוקף" — ווער צום לעבן און ווער צום טויט, מאַכט טביה הומאָריסטיש איבער.
המבדיל בין קודש לחול. — (פון דער תפילה שבת-צונאַכט און יום-טוב ביינאַכט) דער וואָס טיילט אָפּ דאָס הייליקע פון וואָכעדיקס.
במקום שאין איש... עס שטייט „**במקום שאין איש השתדל להיות איש**" אין אַן אָרט וואו עס איז נישטאָ קיין מענטש באמי זיך צו זיין אַ מענטש, דרייט טביה איבער אויף זיין הומאָריסטישן שטייגער.
כל מאמינים. — אַלע גלייבן. מאַכט טביה איבער ווי עס וואָלט כלומרשט געווען **כל המינים** — אַלע סאָרטן.
והילד איננו. — נישטאָ דאָס קינד.

רבות מחשבות בלב איש. — אַ סך געדאַנקען ביי אַ מענטשן אין האַרצן.
החיים והמות ביד הלשון. — דאָס לעבן און דער טויט הענגען אָפּ פון צונג, (פון ריידן).

כולם אהובים, כולם ברורים. — אַלע זיינען באַליבט און אַלע זיי־נען דערוויילט (פון דאַוונען).

אדם — יסודו מעפר. — אַ מענטש שטאַמט פון דער ערד. (פיוט פון ימים נוראים).

ביקור חולים. — ביי יידן אין דער אַלטער היים זיינען געווען אָרגאַ־ניזאַציעס — חברות — צו העלפן אָרעמע. זיי האָבן אַלע געטראָגן העברעאישע נעמען, גענומען פון דאַוונען:

מלביש ערומים. — (קליידער פאַר אָרעמע), סומך נופלים (שטיצן גע־פאַלענע); גמילות חסד (לייען געלט). ביקור חולים — הילף און זאָרג פאַר אָרעמע קראַנקע.

הכל הבל. — אַלץ איז נאַריש.

כל דכפין יתי ויצרך. — עס שטייט: כל דכפין יתי ויאכל־וכל דצריך יתי ויפסח־אַרמיש פון דער הגדה: ווער עס איז הונגעריק זאָל קומען אָן עסן. טביה ווי זיין שטייגער פאַרדרייט דעם פסוק און דערקלערט אים ווי ער וויל.

ויאכלו-מאכט רש"י... ווען די מלאכים זיינען געקומען צו אברהמען און ער האָט זיי **מכבד געווען**, שטייט אַז זיי האָבן געגעסן. מאַכט רש"י, אַז היות ווי מלאכים עסן דאָך ניט, האָבן זיי זיך געמאַכט ווי זיי וואָלטן געגעסן. דרייט עס טביה איבער אויף זיין שטייגער.

הבל הבלים. — נאַרישקייט שבנאַרישקייטן.

עקודים, נקודים וברודים. — געשטרייפט און געשפּרענקלט געפלעקט.

קרוב לשכר ורחוק מקעשענע. — (עס שטייט: קרוב לשכר ורחוק מהפסד — נאָענט צו פאַרדינסט און ווייט פון פאַרלירן. טביהס אַ דריידל־נאָענט צו פאַרדינען, אָבער ווייט פון קעשענע...

בגפו יבא, בגפו יצא. — אַליין געקומען און אַליין אַוועק.

יצאה נשמתו בגלעזל... עס שטייט יצאה בשמתו בטהרה — זיין נשמה איז אַרויס פון זיין גוף ריין, דרייט טביה איבער — יצאה נשמתו בגלעזל (בראנפן) ער גייט אויס אַ טרונק. אָדער געשטאָרבן פון טרינקען.

הזורעים בדמעה ברינה יקצורו — די וואָס זייען מיט טרערן, שניידן מיט געזאַנג, געמיינט: מען דאַרף זיך גענוג אָנמאַטערן ביז מען קריגט עפּעס.

לאו עכברא גנבא. — ניט די מויז איז דער גנב (ניט זי איז שולדיק, נאָר די לאָך איז שולדיק (פון דער גמרא).

חצי שלי חצי שלך. — מיר אַ העלפט, דיר אַ העלפט.

עולים ויורדים. — מען גייט אַרויף און אַראָפּ.
ויברח יעקב. — יעקב איז אַנטלאָפן.
פרחה נשמתו געוואָרן. — די נשמה איז אים אַרויסגעפלויגן.
כאשר אבדתי אבדתי. — ווי איך בין פאַרלאָרן ביז איצט בין איך שוין פאַרלאָרן.
לא דובים ולא יער. — ניט קיין בערן און ניט קיין וואַלד.
ברכוש גדול. — מיט גרויס פאַרמעגן.
אל תתהלל ביום מחר. — באַרים זיך ניט מיט דעם וואָס דאַרף נאָר זיין, מיט דעם מאָרגנדיקן טאָג.
צעקה הנערה. — דאָס מיידל האָט געשריען.
ה׳ נתן וה׳ לקח. — גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען.
בנים גידלתי ורוממתי. — קינדער האָב איך אויסגעהאָדעוועט און דערהויבן.
לא מעוקצך ולא מדבשך. — ניט דיין גיפט און ניט דיין האָניק (צ״ אַ בין זאָגט מען דאָס: ניט שטעך זיך און ניט גיב קיין האָניק, אַ צווייט ווערטל: ניט זיי מיר קיין פעטער און ניט ניי מיר קיין שיך״.
אסככורדא דמסקנתא דקורנסיא פארסמאכתא — טביה האָט אויסגעטראַכט אַ ווערטל: ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, לויטן קלאַנג ענלעך צו גמרא־לשון.
אדם קרוב לעצמו. — אַ מענטש איז נענטער צו זיך אַליין.
אם אין קמח־אין תורה. — אָן מעל (ברויט) איז ניטאָ קיין תורה אויך.
הנשמה לך. — די נשמה איז דיינע (גאָטס).
כלחוך השור. — ווי דער אָקס עסט אָפּ (דאָס גראָז), אָן איבערגעדרייטער טייטש — ווי די זון גייט אויף.
לא המתים יהללו יה. — ניט די טויטע קענען לויבן גאָט.
סלחתי כדבריך. — איך האָב מוחל געווען ווי דו האָסט געזאָגט (גאָט זאָגט עס צו משהן).
והשתיה כדת. — דאָס טרינקען איז לויט די געזעצן (ווי עס איז אָנגענומען).
הא גברא והא טראסקא. — טביה פאַרדרייט אַ גמרא־ווערטל: אָט איז דער מענטש און אַזוי טראַסקעט ער...).

כבדהו וחשדהו. — גיב אים כבוד און זיי אים חושד. טביה טייטשט עס אויס אויף אוקראַאיניש: געטרוי ניט קיין הונט.

אל תשלח ידך. — צי ניט אויס דיין האַנט — ריר ניט אָן (דער מלאך זאָגט עס צו אברהמען ער זאָל ניט שעכטן יצחקן).

ושמחת בחגך. — זאָלסט זיך פרייען אין דיין יום־טוב.

כאַן דרגא. — אַ פאַרגרייזט גמרא ־ וואָרט „נחות דרגא" פון אַ נידע־ריקער מדרגה, פון ניט קיין וויכטיקן שטאַנד, ניט קיין יחסן.

יודע נגן. — ער קען שפילן.

יאה עניותא לישראל. — יידן פאַסט די אָרעמקייט.

הלך משה מרדכי. — טביהס אַ צוגעטראַכטער פסוק — אַוועק משה מרדכי...

אין אסתר מגדת. — אסתר זאָגט ניט אויס (פון מגילת אסתר).

אין קול ואין כסת. — טביהס אַ צעדרייטער פסוק.

הודו לה׳ כי טוב. — לויבט גאָט ווייל ער איז גוט.

עד כאן הקפה א׳. — שמחת תורה ציילט מען די הקפות.

המכסה אני מאברהם. — צי זאָל איך באַהאַלטן פון אברהמען?

יגיע כפיך כי תאכל. — אַז דו עסט די מי פון דיינע הענט, (פון דיין האָרעוואַניע, וואָס דו פאַרדנסט אַליין).

מאין באת ולאן אתה הולך. — פון וואַנען דו קומסט און וְוהין דו גייסט.

איש כמתנת ידו. — איטלעכער ווי ער גיט.

הנותן לשכוי בינה. — דער וואָס גיט דעם האָן פאַרשטאַנד (צו קרייען ווען דער טאָג הייבט אָן צו קומען).

שבעה דברים בגולם. — זיבן אייגנשאַפטן האָט אַ גולם (אַ נאַר) (פרקי אָבות).

מה פשעי ומה חטאתי. — וואָס איז מיין זינד און וואָס איז מיין פאַרברעכן?

מה אנו ומה חיינו? — וואָס זיינען מיר און וואָס איז אונדזער לעבן?

אל תפתח פה לשטן. — (ניט עפן קיין מויל פאַר דעם שטן, נישט אַרויסריידן זיך אין אַ בייזער שעה אין אַ בייזער שעה צו שווייגן.

לא יחרץ כלב לשונו. — וועט אַ הונט זיין צונג ניט שאַרפן (ניט בילן).

בעל כרחך אתה חי. — אויף געוואַלד לעבסטו (צי דו ווילסט, צי דו ווילסט ניט).

אדם כבהמה נדמה. — אַ מענטש איז גלייך צו אַ בהמה.

אל תסתכל בקנקן. — קוק נישט אויף דעם קרוג (טראַכט ניט וועגן דעם דרויסנדיקן אויסזען, נאָר וועגן דעם וואָס עס איז אינעווייניק).

איש לפעלו ואדם לעבודתו. — דער מאַן צו זיין מי און דער מענטש צו זיין אַרבעט.

עד כאן אומרים בשבת הגדול. — שבת הגדול (דער שבת וואָס פאַר פסח) זאָגט מען אַ טייל פון דער הגדה.

הרי אני כבן שבעים. — איך בין ווי אַ מאַן פון זיבעציק יאָר.

רצה הקדוש ברוך הוא לזכות. — גאָט האָט געוואָלט גוטס טאָן.

ברוך מרחם על הארץ. — געבענטשט זאָל זיין דער וואָס האָט רחמנות אויף דער ערד.

מן השפה ולחוץ. — פון מויל אַרויס.

כסף וזהב מעשי ידי אדם. — זילבער און גאָלד אויסגעאַרבעט פון מענטשלעכע הענט (עס רעדט זיך וועגן געצן).

חכם-עיניו בראשו. — אַ קלוגער האָט זיינען אויגן אין קאָפּ (ער זעט פאָרויס וואָס עס קען זיין).

רבות מהשבות בלב איש. — אַ סך געדאַנקען ביי אַ מענטשן אין האַרצ. פאַרטייטשט טביה אויף אוקראַיניש-דוריען דומקאַיו באַגע־טאַיעט — אַ נאָר איז רייך אין זיינע געדאַנקען.

כשושנה בין החוחים. — ווי אַ ליליע צווישן דערנער.

טורא בטורא. — דער גאַנצער זאַץ אין גמרא איז „טורא בטורא לא פגע, אינש באינש פגע" — אַ באַרג מיט אַ באַרג באַגעגנט זיך נישט אָבער אַ מענטש מיט אַ מענטשן טרעפט זיך יאָ.

אם כבנים אם כעבדים. — אָדער ווי קינדער אָדער ווי קנעכט.

ומקדים רחמים לרוגז. — גאָט האָט פריער רחמנות און ערשט שפּע־טער קומט זיין כעס.

לא ארכו הימים. — די טעג זיינען ניט לאַנג געוועזן (עס האָט נישט לאַנג געדויערט).

מקימי מעפר דל. — פון שטויב הייבט ער אויף דעם אָרעמאַן.

מאשפות ירים אביון. — פון מיסט דערהייט ער דעם אביון.

יודע צדיק נפש בהמתו. — דער צדיק ווייס די נשמה פון זיין בהמה, ער פאַרשטייט זי.

מרבה מכסים מרבה דאגה. — וואָס מער גיטער אַלץ מער דאגות

מזנבתא דחזירתא לא מאכאנטא שטריימילתא. — איינס

פון טביהס צוגעטראַכטע ווערטלעך לויטן קלאַנג פון אַ גמרא, ער מיינט: פון אַן עק (זנב) פון אַ חזיר מאַכט מען ניט (מאַכאַנטאַ) קיין שטריימל.

אם אין אני לי מי לי. — אויב איך וועל ניט טאָן פאַר זיך, ווער זשע וועט עס טאָן פאַר מיר.

רח״ש — רב, חזן שמש. — ווען מען דאַרף צאָלן אויף אַ חתונה.

ידע שור קונהו. — אַן אָקס דערקענט זיין קויפער.

זה חלקי מכל עמלי. — דאָס איז מיין גאַנצער חלק פון מיין גאַנצער מי.

ומותר האדם מן הבהמה. — מיט וואָס דער מענטש איז מער ווי בהמה.

לערנען בלק. — אָנטאָן צרות.

על התורה ועל העבודה. — אויף לערנען און אַרבעט (געמיינט די אַרבעט פון דינען גאָט).

המשפילי לראות בשמים ובארץ. — ער קוקט אַראָפּ צו זען וואָס עס טוט זיך אויף דעם הימל און אויף דער ערד.

נחזור לענינגו הראשון. — לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער ערשטער טעמע.

לשון סגי נהור. — בוכשטעבלעך. — לשון פון גרויס ליכט (אויף אַ בלינדן) דאָס מיינט אַ איראָניע, דאָס פאַרקערטע. יידן פלעגן זאָגן אויף אַ „שרפה — „עס נעצט״.

באו מים עד נפש. — דאָס וואַסער איז שוין דערגאַנגען ביז דער נשמה (ערגער קען שוין ניט זיין).

לי השמים ולי הארץ. — דער הימל און ערד זיינען מיינע (זאָגט גאָט).

אל הארץ אשר אראך. — צו דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר ווייזן.

מיאבקי לבבות. (דאָס ערשטע וואָרט־רוסיש; וויכע, לבבות־העברע־איש — הערצער, ווייכהאַרציק.

על אלה אני בוכיה. — אויף דעם וויין איך.

ויפקד ויזכר. — עס זאָל דערמאָנט ווערן און מען זאָל געדעקען.

ישא ה׳ עליך גוי. — האָט וועט אויף דיר ברענגען אַ פאָלק.

ודע מה שתשיב. — ווייס וואָס צו ענטפערן.

כל ישראל יש להם חלק. — אַלע יידן האָבן אַ חלק.

אשריך ישראל. — וואויל איז אייך יידן!

מי כעמך ישראל. — ווער איז נאָך אַזוי ווי דיין פאָלק ישראל.

דאָס דאָזקע בוך איז געדרוקט געוואָרן
אין דער דרוקעריי „א מפּרענטאַ מאָ־
דערנאַ" פון מאַנועל פּינטעל. — ד"ר
גאַרסיאַדיעגאָ 28, מעקסיקע 7, ד. פ.

Este libro se imprimió en los Talleres de la "IMPRENTA MODERNA".— Manuel Pintel. Calle del Dr. Garciadiego No. 28
México 7, D. F.

שלום עליכם איז געשטאָר-
בן. אָבער זיין געלעכטער
לעבט מיט אונדז, אין אונדז
עד סוף כל הדורות.

ש
צ